NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06395

KLEYNVELT

L. Berkovitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. בערקאָוויטש

לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע, 1934

Kleinwelt

Copyright
By L. BERKOVITZ

Los Angeles,
California.

ארויסגעגעבן פון
אַ גרופּע כּאַווייִרים

צייכנונג פון
ה. דייוויס

The Pacific Press, 2604 Brooklyn Ave., Los Angeles
6 1

פאָרוואָרט

דער מאַטעריאַל אין דעם פאָרליגנדן בוך איז, אין זיין גרעסטן טייל, צוזאַמענגעשטעלט פון לידער וואָס זיינען דערשינען, פון צייט צו צייט, אין דער „פרייהייט" אין שפּעטער „מאָרגן פרייהייט", אָנהייבנדיק זיך אין דעם יאָר 1925; אַ טייל פון דעם מאַטעריאַל איז, ביים צונויפשטעלן דעם בוך, אויסגעבעסערט געוואָרן דורך קירצונגען, ענדערונגען אַ. אַ. וו.

איך וויים אַז ליטעראַטור איז אַ וויכטיקער מיטל פון דערציאונג, און דינט ווי אַ וואָפן אין די הענט פון קלאַסן אין דער געזעלשאַפט. דעריבער אַנערקען איך אַז דער מאַטעריאַל פון דעם בוך, אינגאַנצן גענומען, אַנטשפּרעכט נ י ט פולשטענדיק דעם פּראָלעטאַריש-דערציערישן עלעמענט, וואָס איז אַזוי נויטיק אין אונזער הייִנטצייטיקער עפּאָכע. דער דאָזיקער עלעמענט איז אָבער, ניט אויסגעשלאָסן פונם בוך.

מיט דער לעצטער אָפּטיילונג אינם בוך, און מיט איינצלנע לידער אין די אַנדערע אָפּטיילונגען, האָב איך געמאַכט אַן אָנהויב אויף פּראָלעטאַריש-ליטעראַרישער טעמאַטיק, וואָס איך האָף און פּלאַן צו פאָרטזעצן אין מיינע ווייטערדיקע אַרבעטן.

איך אונטערשאַץ אויך ניט דעם ווערט פון שפּיל, הומאָר און פאַנטאַסטישקייט וואָס אין דעם מאַטעריאַל, וואָס וועט העלפן צו באַרייכערן דעם קינד'ס פאַנטאַזיע, און וועט אים געבן אַן אָנציִענדיקן צוגאַנג צו דער אומענדלעך-שיינער וואונדער-וועלט פון נאַטור-דערשיינונגען. אַ ווערט וואָס איז ניט צום איבערשאַצן.

צולעצט וויל איך דאָ אויסדריקן מיין איבערגעבנסטן דאַנק די אַלע כאַווײרים און פריינט, וועלכע האָבן בייגעטראָגן זייער מי און צייט, צו מאַכן מעגלעך דאָס דערשיינען פון „קליינוועלט".

ל. בערקאָוויטש.

לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע, 1934.

ל. בערקאָוויטש

ו ו י ד מ ו נ ג —

דאָס בוך איז געווידמעט צו אינגלעך און מיידלעך
וואָס שפּאַנען מיט רויטע פּיאָנערישע טיכלעך.
מיט שטאָלץ — כאָטש געלאַטעטע הויזלעך און קליידלעך,
מיט מוטיקן טראָט — כאָטש צעלעכערטע שיכלעך.

ל. ב.

אַרויספאָר

פערזנלאנד, אָ פערזנלאַנד
איך לאָז זיך צו דיר פאָרן.
דיך צו גרייכן מיט מיין האַנט
בענק איך שוין זינט יאָרן.

ס'אַקערט גלייך מיין שיף, און גייט
געצילט צו דיינע ברעגעס,
ווערטער שיינע האָסטו גרייט
און אויך שיינע רעגעס.

ס'איז מיין שיף אַ בלאַט פאַפיר,
אַ הענטל־פען מיין רודער;
אַ יאַם, אַ בלויער, ליגט פאַר מיר...
אין טינטער — און איך רודער;

פעסט און זיכער שטייט מיין מאַסט,
מיין זעגל אויפגעצויגן.
גלייך געלאָדן ס'ביסל לאסט
מיין שיף זאָל זיך ניט בויגן.

ס'וועלן דויערן פיל טעג
ס'וועלן נעכט זיך מערן,
ביז איך גרייך דיין האפן־ברעג
ביז כ'וועל זיך אומקערן.

כ'לאָז אין וועג זיך, פערזנלאַנד,
צו דיר מיט דיינע וואונדער, —
שענק זשע מיר מיט פולער האַנט
מאַטאַנעס פאַר די קינדער.

העכער פֿון דעכער

אַ קעסטעלע מיט פאַרבן

האָב איך אַ קעסטעלע פארבן,
מאָל איך מיר אוים וואָס איך וויל:
א פויער אין פעלד בא די גארבן
און פורן מיט טוואוע באם מיל;

אַ ברונים, אַ שטאַנג מיט אן עמער,
אַ יעגער, אַ בער און אַ האָז;
אַ טשערעדע וואָליגע לעמער,
די קעפ אָנגעבויגן צום גראָז;

אַ יאַם מיט געזעגלטע שיפן
און באַנען וואָס פאָרן אוועק;
און העקער אין וואלדיקע טיפן,
מיט בליציקע זעגן און העק;

אַ רייטער מיט גאָלדענע שפּאָרן
אף זיין אָנגעזאָטלטן פערד.
אן אויצער וואָס ער האָט פארלאָרן
און איך הויב עס אויף פון דער ערד.

— — — — — — — — — — — —

קויף איך דעם פערד פונם רייטער,
און זעץ זיך אַרויף און איך לויף
אַריבער די בערג, און נאָך ווייטער,
ביז צו די וואָלקנס ארויף.

ווערטער־שפּיל

אויסיעס, זילבן, ווערטער, זאַצן,
בוי איך אויף מיט זיי „פּאַלאַצן".
נעם איך אויסיעס, אַז איך וויל,
און איך בוי מיר אויף „אַ מיל".

אף צו שפּילן מיט אַ מיל,
דאַרפן זיין באַלאַנים פּיל.
נאָר איך מאַך מיר, גלאַט אַזוי,
פון די אויסיעס: „אינגלאַך צוויי".

נאָכדעם לאָז איך זיי אליין:
זאָלן זיי די פליגלען דרייען.
נאָר די „אינגלאַך" און די „מיל"
ווי פאַרגליווערט שטייען שטיל...

נעם איך ווערטער פון מיין טינט
און איך שרייב: „עס איז אַ ווינט",
און איך שרייב: „אַז ווינטן וויעען,
נעמען מיל־פליגלען זיך דרייען".

און מיט אויסיעס קען איך געבן
צו די „אינגלאַך": „לייב און לעבן".
נעמען ביידע באַלד זיך רירן,
נעמען פורן טוואוע פירן.

פירן טוואוע צו דער מיל,
מאָלן מעל אין זעקלאַך פּיל.
און די מיל טוט מאָלן פיין,
פיין וואָס פיינער קען ניט זיין.

אָנגעמאָלן פולע זעק
פירט מען עס אין שטאָט אַוועק,
און מען טיילט עס (אויב איך שרייב)
זעק מיט מעל צו מאַן און ווייב.

עסן קינדער גוטן ברויט,
וואַקסן זיי געזונט און רויט.
וואַקסן זיי געזונט און שטאַרק,
יעדער מיט אַזאַ אַ קאַרק.

אַז מע איז געזונט און פֿריש —
קוליעט מען זיך אונטערן טיש.
שפּילט מען זיך אין „קאַץ און מויז",
קערט מען איבער שיר דאָס הויז.

קומט די מאַמע אָן פֿון גאַס,
זעט זי — ווערט זי שטאַרק אין כּעס.
ווערט אַ טומל, אַ געלויף,
טרעפּ אַראָפּ און טרעפּ אַרויף.

שרייט די מאַמע אויפֿן קול:
„איר וועט רואיק זיין אַמאָל!"
זע איך דאָך: זי איז גערעכט,
אַז עס האַלט שוין טאַקע שלעכט —

דריי איך איבער האַק און פּאַק,
„הויז" און „אײַנגלאַך", „מעל" און „זאַק"
און דאָס בלעטל מיט דער „מיל", —
איז שוין ווידער שאַ און שטיל.

דער מאַנדל־מאַן

אין איר בלומענבעט, אין גאָרטן אויבנאָן,
האָט זיך טרויעריק פאַרקלערט אַ קעפּל מאָן.
און זי טראַכט: „ווי גוט מיר וואָלט געווען
ווען כ'זאָל האָבן אויגן די וועלט צו זען,
און אַ צווייטע פוס. איך וואָלט זיך אויפגעשטעלט
און געגאַנגען זען וואָס ס'טוט זיך אַף דער וועלט".
האָט אַ פעטע זופּ פאַר מיטלייד זיך צעוויינט
און מיט „אויגן" צוויי, דאָס קעפּל מאָן באַשיינט.
און אינמיטן קיך, דער „אויפגלייגטער" טיש
האָט געשאָנקען איינס פון זיינע שטאַרקע פיס.
ווי דאָס קעפּל מאָן האָט נאָר די וועלט דערזען,
האָט זי גלייך זיך ארומגעזען
אז קעדיי אַף אונדזער וועלט ארומצוגיין,
דאַרף מען האָבן אויך אַ נאָז, א מויל און ציין.
און צוויי אויערן וואָלטן אויך געפּאַסט
און אַ שטאַרקן אַקסל אַף צום טראָגן לאַסט.
און אַ האַרץ צו פילן, און א בויך,
און אביסל האָר אַף צודעקן דעם מויאך.
און זי האָט זיך שיר פאַרגעסן אָן די הענט,
און אַ קעשענע אַף אומטראָגן אַ סענט, —
האָט אַ טשייניקל זיין „נעזל" אויסגעשוועקט
און צום קעפּל מאָן אים באַלד אַוועקגעשענקט.
און אַ טיפע גרוב האָט זיך פאַרמאַכט
און איר „מויל" דעם מאַנדל־מאַן געבראַכט.
און אַ קעמל האָט געשאָנקען אירע „ציין".
האָט אן „אויער" צוגעלייגט דער קרוג אליין,
האָט אַ וואָגן, זיינס אן „אַקסל" צוגעפירט.
איז אַ רויטע מער געוואָרן שטאַרק גערירט
און איר „האַרץ" מיט ליבע אָפּגעגעבן באַלד.
גרינע נאָדל־האָר האָט אויך געשענקט דער וואַלד,
און זיין לאַנגן האַלדז האָט צוגעבראַכט א פלאַש.
האָט אַ צווייטן „אויער" געגעבן אַ קאַמאַש.

האָט אַ רעגנשירם צוגעלייגט אַ „האַנט"
און אַ צווייטע „האַנט", דער שטעקן באַ דער וואַנט.
זיין „צילינדער" האָט אַוועקגעשענקט דער לאָמפּ,
און זיין „קעשענע" — דער בריווקאַסטן, דער גלאָמפּ...
שטעלט דער מאָנדל זיך אַוועק: — אַ גאַנצער מאָן!
נאָר אַ טראָט צו טאָן — אפילו ניט קיין שפּאַן...
טראַכט ער אינדערשטיל: וואָס־זשע טוט מען פאָרט?
העלפט דער בעזים אים אַ „קער טאָן" זיך פון אָרט...
נאָר פון וואָרצל ניט אַוועקצורייסן זיך.
און דאָ זעט ער: ער האָט נאָך ניט קיין שיך —
טראַכט ער: מיילע, איך קען נאָך גאָרניט טאָן
ביז כ'וועל ווערן גרעסער, — כ'בין נאָך גאָר אַ מאָן...

קיין שלאָפלאַנד

זיבן ציגן איינגעשפּאַנט
אין אַ שטרויען וויגל.
כ׳האָב אַ טעפּעלע מיט שמאַנט,
האָניק אין אַ קריגל.

ווילסטו — זעץ זיך לעבן ברעג,
ווילסטו — זיץ אינמיטן.
אויפן ווייטן וואונדער־וועג
ווערט פון וויג אַ שליטן.

פון די פוכקע וואָלקנס — שניי,
הירשן — פון די ציגן.
זיבן הירשן אין אַ ריי
פליען ווי די פליגן.

וועלן מיר זיך צו דער ווייט
ווי אַ וויכער טראָגן,
וועלן מיר אין מאַריוו־זייט
נאָך די זון דעריאָגן.

וועט זיך עפענען אַ טיר
אין די טונקעלע הייכן.
איז דאָרט שלאָפלאַנד, פאַלן מיר
אין אַ בעט אַ ווייכער.

וואָל־וואָל דער נאַכט־מאַכער

ווייסט איר קינדער ווער עס מאַכט
אז פון טאָג זאָל ווערן נאַכט ?
אָט וועל איך דאָס אייך דערציילן: —
אין די טיפע שטיינער־היילן
וואו קיין שטראָל פון זונענשיין
עס קומט קיינמאָל ניט אריין,
ליגט וואָל־וואָל דער שטורעמווינט
און ער מאַכט, פון סאַזשע, טינט.
און ווען גרויס און רויט און ווייט
ס'שטייט די זון אין מאַריוו־זייט,
גאַנוועט ער זיך שטיל ארויס
אָן אַ שאָרך און אָן אַ רויש,
און די פלעשער סאַזשע־טינט
פאַקט ער איין און ער פארבינדט,
נעמט די פאָלעס שטיל צענויף
און ער פליט ארויף, ארויף.
און מיט בערשטלאך, ברייט און גרויס,
שמירט ער גאָר דעם הימל אויס
שוואַרץ אויף ווייס... ווערט טונקל־בלאָ.
פאַרבט קעסיידער שאָ נאָך שאָ.

— — — — — — — — — — — — —

אז די אַרבעט איז געמאַכט,
זאָגט מען דעמאָלט: „האַלבע נאַכט".
נאָר עס טרעפט אמאָל, ס'איז קאַלט,
אָדער ס'איז זיין בערשטל אַלט.
דעמאָלט אַרבעט ער ניט שווער:
שמיר אַהין און שמיר אַהער, —
לאָזט אינגאַנצן אָפטמאָל אויס
פיצלאך טאָג, ווי באָב די גרויס...
ריידן מענטשן האַלב־פאַרטראַכט:
„סאַראַ שטערנדיקע נאַכט"!
און נאָך איינער טוט אַ זאָג:

„ליכטיק, מאַמעש ווי באַטאָג".
און אזוי פון אלע מאָל,
יאָרן לאַנגע אָן אַ צאָל
שפּילט וואַל־וואַל זיין שאָטנשפּיל,
ליכטיק, פינצטער, ווי ער וויל.

— — — — — — — — — — — — —

עפּשער איז עס גאָרניט שלעכט —
ווייל מיר רוען דורך די נעכט.
און באַגינען סיי ווי סיי
קומט אַ נייער טאָג אפסניי.
זונענשטראַלן... און דערפון
פלעכט אוים בעזימלאך די זון,
גיט עס צו דעם מאָרגנווינט
און ער קערט אַוועק דעם טינט.
און ס'טוט מענטש און בלום אַ זאָג:
זע! ס'א נייער, העלער טאָג!...

דער שלאָף

אין פאַבריקן פון דער נאַכט
וואו עס ווערט דער שלאָף געמאַכט,
ליגן אין אַ לאַנגער ריי
שלעפער, ווי די סנאָפּעס היי,
און זיי שלאָפן אָן אַ סאָף,
שלאָפן־אָן פאַר אונדז דעם שלאָף;
קיינער וועקט זיי קיינמאָל ניט,
ווייל מיט שוועבנדיקע טריט
און מיט שטילקייט פון אַ בלום
גייען אלע דאָרט אַרום.

ווי עס קומט דער אָוונט אָן,
און ווי בלינדע, הון און האָן
שאַרן זיך צו זייער רו,
און פון פעלד קומט אָן די קו, —
נעמען נאַכטליט שטילערהייט
זילבער־זיפּלאַך שטילערהייט,
און פון די פאַרגרייטע פּעק
זיסן שלאָף פון פולע זעק,
זיפּן זיי דעם שלאָף אַראָפּ
פונדערהייך אף יעדנס קאָפּ.

אז באַ מאַמעס אינם שויס
קינדערלאַך, דריי פויסט די גרויס
שמייכלען און זיי דרעמלען איין, —
וויגן זיך אין אָוונט־שיין
אויך די מאַמעס שלעפעריק,
זאַט מיט נאַכעס און מיט גליק;
און די טאַטעס, גרויס און מיד,
שוסטער, שניידער, סטאָליער, שמיד,

אַנגעטומלט פון די שטעט,
לייגן זיך צורו אין בעט.

ווי עס פאַלט נאָר צו די נאַכט
און עס ווערן צוגעמאַכט
טיר און טויער אפן שלאָס,
שיטן נאַכטלייט, אָן אַ מאָס,
שטערן פון די קערבלאַך אוים.
און אין גאַנצער פולער גרויס
קומט פון איר באַהעלטעניש
די לעוואָנע, יונג און פריש,
און פונוויטנס קוקט זי צו
צו דער נאַכט און צו איר רו.

„באַגין“ דער טאָג־מאַכער

ווייסט איר קינדער ווער עס מאַכט
עס זאָל ווערן טאָג פון נאַכט? —
אָט דערצייל איך איינס און צוויי
ווער, און וואָס, און ווי אַזוי: —
איבער אַלע שטעט און מערק,
איבער אַלע הויכע בערג,
אַפן הימל־ווינקל ווייט,
ווייט אַוועק אין מיזראַך־זייט,
זיצט דער טאָג־מאַכער „באַגין“
מיט זיין גאָלדענער ליכט־מאַשין,
און פון אונטן טריפט אריין
אין אַ קרוג, דאָס ליכט, ווי וויין.
האָט ער ליכטיקייט גענוג
אין זיין דורכזיכטיקן קרוג.
טריפט ער טראָפּנווייז אריין
פון דעם העלן טאָגליכט־שיין,
אין געדיכטקייט פון דער נאַכט.
און ער מישט אַזוי און לאַכט,
זעענדיק ווי רעגעסווייז
ווערט פאַרביטן שוואַרץ אַף ווייס.
וועקט ער מיט זיין לאַכן אויף
אַלע הענער אַפן הויף.
הערן מענטשן הענער קרייען,
זאָגט מען: צייט שוין אויפצושטיין.
צייט פאַר ארבעט און פאַר שפּיל
און פאַר אַנדערע זאַכן פיל.

— — — — — — — — — — — —

אין מאַשין איז אויך פאַראַן
אינדערזייט אַזא מין קראַן
וואָס ער פליצט מיט שטראַלן־גאָלד

(די וואָס קינדער האָבן האָלד)
בונטן שטראַלן, גאָלדענע בערד
גרייכן אַף אַ האַלבער ערד...
ווערט אַ האַלבע ערד באַשיינט
מיט אַ נייעם טאָג, אַ היינט,
און די צווייטע האַלבע ערד
ליגט דערווייל זיך אומגעקערט,
און צוקאָפּנס מיט איר פּאַק
שלאָפט זי רואיק און געשמאַק...

— — — — — — — — — — —

אַז דער טאָג לייכט אויף אין שיין
העל, וואָס העלער קען ניט זיין,
נעמט דער טאָג־מאַכער „באַגין"
און ער שטעלט אָפּ זיין מאַשין.
שטעלט אַוועק דעם קרוג מיט ליכט
און ער טוט זיך אויס, און קריכט
שלעפעריק אין בעט אַריין
און ער שלאָפט פּאַמעלאַך איין.
שלאָפט ער זיבן שאָ אין בעט,
ביז ער כאַפּט זיך אויף און זעט
אַז עס האָט זיך אומגעקערט
אַף דער צווייטער זייט די ערד,
דעמאָלט טוט ער זיך אַ זאָג:
„צופיל פינצטער... זאָל זיין טאָג!"
און מיט כיישעק און געטריי
נעמט ער מאַכן טאָג אַפסניי.

וואַלקנדלאַך

לאָמיר קינדער גוט באַטראַכטן
וואָלקנדלאַך אין די פאַרנאַכטן,
ווי זיי מיניען זיך און בייטן
זייער אויסזען פונדערווייטן.

וואַסער-וואָלקנדלאַך צעפּירן
אַף פּאָליטרעס זון-קאָלירן,
און זיי פאַרבן, און זיי מאָלן,
מאָלן בערג און מאָלן טאָלן.

אונטער זייער וואונדער-פּינזל
ווערט באַשאַפן באַלד אַן אינזל
איינגעפּאַסט אין בלויע טייכן —
אַף דער ערד ניטאָ זיינס גלייכן...

אָט: דער אינזל איז צעשוואומען,
און פון עלערהויט געקומען
זיינען קראָליקלאַך און בערן,
קוק, זיי וועלן באַלד ניט ווערן!

אָט, אַ פערדל אַ פאַרשייטער,
און אַף אים אַ בלויער רייטער.
שטיקער וואַטע אַף די אויגן,
זע! דאָס פערדל ווערט צעצויגן.

און אין עטלאַכע סעקונדן
זיינען ביידע שוין פאַרשוואונדן,
און פון די פאַרבליבענע שטיקער
ווערט אַ וואַלד, אַ ברענענדיקער.

זעסט: די גרויסע וואָלקנלאַטע
און די קופּעס ווייסע וואַטע
נעמען זיך צום וואלד דערנענען
און זיי הויבן אָן צו ברענען.

און צום מיזראך-זייט ביים טייכל,
מיט אַ ווייסן פּוכקען בייכל,
הענטלאך פיסלאך אויפגעבלאָזן,
שפּילט אַ וואָלקנקינד מיט האָזן

און א קעמל מיט דריי האָרבן,
איינס מיט בראָנז-קאָליר געפארבן,
זיבן פּיס, און אַף די פּלעצער
פון די טלאָען — גאַנצע קלעצער.

לעבן אַ געפּאַקטן קאָשיק
שטייט, אָן קאַפּ, אַ בלויער לאָשיק.
— האָט דעם קאָפּ מיסטאָם פארגעסן
קען ער נעבאַך איצט ניט עסן —

— — — — — — — — — — — — —

לאָמיר קינדער גוט באַטראַכטן
וואָלקנדלאך אין די פארנאכטן.
דאָרטן קאָן מען לערנען גיכער
ווי אין באָבע-מייסע ביכער.

קאַמאַנדיר שטורעם מיט זיינע ווינטן

ס׳האָט דער קאַמאַנדיר פון ווינטן
וואָס מען רופט אים „בייזער שטורעם"
דורך אַ שייבל פון אַ פענצטער
אין זיין הויכן וואָלקנטורעם

צוגעזען ווי סאמע אונטן
טראָגן מענטשן קאַפעליושן
און פארמאכטע רעגנשירעמס.
טראַכט ער: וואָס איז דאָ צו שמו׳סן?

און באַפוילן האָט ער אלע
זיינע שטאַרקע ווינט־ארמייען:
אַף דער ערד און אויף די דעכער
זיך צו יאָגן און צו דרייען.

האָבן ווינטן, קליינע טירלאך
פון זאָוויעסעם אָפּגעריסן;
וואו אַ שילד און וואו אַ היטל —
אַף דער ערד אַראָפּגעשמיסן.

קליינע קינדער אין די אייגלאך
זאמד און פּאָראַך אָנגעשאָטן;
וואו א טיכל, א פאטשיילקע,
אין דער בלאָטע איינגעקנאָטן;

ווינטלאך נאַרישע און קליינע
האָבן אומגעטאַנצט אויף דעכער
און אין כאַפּערלאך געשפּילט זיך
דורך די שפּאַרונעס און לעכער;

איינס, אַ קליינס, אַ יונגער ווינטל
איז אַ קוימען דורכגעפלויגן.
אויסגעשמירט זיך הוילע סאַזשע
און פאַררויכערט זיך די אויגן. —

(ס'איז זיין איינציק גליק געווען
וואָס ער האָט דערטאַפּט אַ טישטוך.
האָט ער באַלד זיין שוואַרצן פּאָנים
און די הענטלאַך אָפּגעווישט זיך...)

אויף אַ דאַך האָט זיך אַ שטריקל
אומגעוויגט מיט וועש און שמאַטעס,
האָט אַ ווינטל זיך פאַרפּלאָנטערט
אין אַ פּאָר פאַרריכטע גאַטיעס.

איז די ווינטיכע, זיין מאַמע,
אין איין רעגע אָנגעפלויגן,
און זי האָט אים ביי די פּיאַטעס
קוים מיט מי ארויסגעצויגן;

און אַ דריטער יונגער ווינטל
האָט פאַרזשמורעט זיך אַן אייגל,
און אַ בלינדער אומגעהאָפּקעט
אינדעררונד, ווי אין אַ בייגל...

האָט דעם קאָמאַנדיר, דעם שטורעם,
אַזאַ שפּילכל שטאַרק פאַרדראָסן,
האָט ער זיינע ווינט-סאָלדאַטן
מיט אַ רעגן אָפּגעגאָסן.

זיינען ווינטן, אויסגעווייקטע,
קוים אַהיים אַוועקגעפלויגן.
האָט דער שטורעם אויפגעהאַנגען
אינדערהויך זיין רעגנבויגן.

פלי־לאַנד

ערגעץ איז פאַראַן אַ לאַנד
וואו די מענטשן פליען.
ס׳איז באַפליגלט פוס און האַנט,
פליגל אַף די קניען.

מיט די פליגל נאָר אַ מאַך —
קען מען באַלד דערגרייכן
אפן העכסטן טורעמדאַך,
צו די העכסטע הייכן.

פליגל האָט דאָרט יעדעס קינד,
אַף די הענט און קניען.
— דער וואָס איז אַפילו בלינד
קען אינלופטן פליען...

ניט קיין שטיינער, ניט קיין בוים,
ניט קיין זאַמד, קיין גראָזן.
וואו ניט וואו נאָר, ווי אין טרוים,
פליען הימל־האָזן.

ווער עס וויל נאָר, יענער קען
פליען צו די שטערן,
הערן ווי עס בורטשענען
דאָרט די שטערנבערן".

אַף די וואָלקן־פערענעס,
זאַטע, אויסגעצויגן,
זעט מען ווי לעוואָנע־פרעש
גלאָצן מיט די אויגן.

פּלילאַנד דאַרף קיין זעפּעלין
און קיין עראָפּלאַנען,
אַף צום פליען הער און הין
איבער אָקעאַנען. —

ווער פון אייך קינדערלאַך
וואָלט אַהין געפלויגן? —
ס׳איז אַ זייער לייכטע זאַך,
אז מען שליסט די אויגן...

פּלילאַנד איז ניט נאָנט, ניט ווייט
ווי אפריקע, צי אזיע, —
ס׳דויערט בלויז אַ רעגע צייט
פליען... אַף פאַנטאַזיע.

יאָסל פּלוט מיטן פינגערהוט

כ׳קען א אינגל יאָסל פּלוט
איז ער גרוים ווי איין מינוט.
האָט ער אַף זיין קליינעם קעפּל
אָנגעטאָן א פינגערהוט.

טוט ער אָן אַ בולבע־פּעלצל,
איז זיין שטאָק אַ שוועבלהעלצל.
עסט ער זופּ, אַ קליינע לעפל,
צוגעזאלצן מיט איין זעלצל.

שטענדיק גייט ער אָנגעלאָדן
פולע קעשענעס מיט פלאָדן.
און ער נוצט אַ קאָכלעפל
אַף צום וואשן זיך און באָדן.

שלאָפן שלאָפט ער נאָר צופיסן
אַף אַ צוקערל, אַ „קישן".
נאָר עס טאָר זיין קליינער ברודער
פון אזא־אַ סאָד ניט וויסן:

איינמאָל, שלאָפנדיק ביים וואַנט,
האָט ער מיט זיין קליינער האַנט,
קנייפּנדיק אזוי פון קישן
אויפגענאַשט דאָס בעטגעוואַנט...

די שמיים־מאַשין

אין דעם לאַנד פון באָמבלבין
איז פאַראַן אַ שמיים־מאַשין.
אז אַ אינגל שפּילט ניט פיין,
כאַפּט אים די מאַשין אריין.
און פון אייזן אזא כלאַפּ
שפּיליעט אים די הויזלאַך אַפּ,
און מיט ריטלאַך — פּיצקע פּיץ
ציילט ער זיבעטהאַלבן שמיץ.
אזוי קליין און אזוי גרויס
שמייסט ער אָפּ און ווארפט ארויס.

איז אין דערפל „גאָמעלקעס"
— גרויס אזוי ווי איין מעסלעס —
דאָ א אינגל זיאַמע־פלאַם,
זינגט ער זיך אזוי צום גראַם:
„לאָמיר קינדער, אין אַ נעץ
פאַנגען הינטעלאַך און קעץ,
לאָמיר מאַכן בלאָטע־קעז
און זיי אויסשמירן די נעז.
נאָכדעם לאָזן זיי אין וועג
מיט אַ שפּרייזהאָלץ אפן עק".

האָט דאָס די מאַשין דערהערט
און האָט גאָרניט לאנג געקלערט:
איינס און צוויי און דריי און האָם!
און פארשלונגען זיאַמע־פלאַם;
פארן וועלן שמירן נעז
אָנגעפּיצקעט אין געזעס.

און פאַרשפּיליעט אינדערגיך
העמד און פּלודערן און שיך.
און ער ליגט שוין אויפן גראָז
וויינענדיק, און „מיט אַ נאָז".

און זינט דעמאָלט, פיין און גוט,
טראָגט ער אַ צילינדערהוט.
אנשטאָט מוטשען קעץ און הינט —
שלינגט ער פייגלמילך מיט ווינט.
כרעמזלאַך עסט ער אויפן שאָק
און ער שפּילט אין ציגנבאָק.
נאָר אַז ער שלאָפט־איין באַנאַכט
און דער פענצטער איז פאַרמאַכט,
שליידערט ער זיך הער און הין
פונקט ווי אין דער שמיים־מאַשין.

אַ ווינט מיט ווינטעלאַך

ס'האָט דער שטאַרקער שטורעמווינט
איינגעשפּאַנט זיין הויז-געזינד:
יונגע פעסטע שטיפער-ווינטן,
און אליין געזעצט זיך הינטן.
אָנגענומען פעסט די לייצעס,
פּעק מיט האָגל אַף די פּלייצעס,
און פאַרקירעוועט דעם וואָגן
וואו די אויגן וועלן טראָגן.
האָבן אָזיערעס און טייכן,
ווינט און שטורעם אויסצואווייכן,
זיך אין וויטן וועג פאַרנומען
מיט אַ פּלאַפּלען, מיט אַ ברומען,
מיט אַ הוקען, מיט אַ טיוקען,
כוואַליע-הויקערס אַפן רוקן —
און געלאָפן צו די יאַמען,
צו דעם טאַטן, צו דער מאַמען...
און די לאָשעקלאַך, צעווילדערט,
האָבן הירזשענדיק געפּילדערט,
מיט די גריוועס אויפגעפלאַטערט,
טאַנצנדיק, זיך איינגעמאַטערט.
און די ציגן מיט די בערדלאַך
האָבן נאָכגעטאָן די פערדלאַך:
באַרג אַראָפּ צום ציגנשטעלכל
לויפן ראַטעווען דאָס פעלכל...
און די הינער מיט די הענער
האָבן זיך צעלאָזט אַף טענער
הענדום-פענדום, שטאַרק דערשראָקן,
מיט אַ קרייען, מיט אַ קוואָקען;
און דער אינדיק, אָנגעבלאָזן,
האָט דעם פעכער-עק צעלאָזן.
האָבן קעצלאַך זיך צעמיאוקעט,
האָבן זשאַבעס זיך צעקוואַקעט.
און דער האָגל אויף די דעכער
האָט געפּייקלט שטאַרקער, העכער. —
איז געוואָרן אַן אָרקעסטער
אין דער וועלט דער סאַמע בעסטער.

דאָס צוגעקילטע ווינטל

לויפט אַ ווינטל אום אין גאַס
וואו אים נאָר פאַרווילט זיך.
אין אַ לוזשע ווערט ער נאַס;
נאַס, און ער פאַרקילט זיך.

האַלט מען טירן צוגעמאַכט
צוגעמאַכט די שטיבער.
קיינער לאָזט אים ניט באַנאַכט
איבערן שוועל אַריבער.

קומט ער צו אַ שטיבל צו,
זעט ער: ס'איז פאַרשלאָסן.
שיין פון וואַרימקייט און רו
ליגט אַף אַלץ באַגאָסן;

אַפן פריפּעטשאָק אין קיך
ברענען רויטע שפּענער,
און פאַרטוליעטע אין זיך
דרעמלען שוין די הענער.

דורכ'ן קוימען אַפן דאַך
וועט ער נאָך פּרובירן,
אויב עס העלפן ניט קיין זאַך
צו פאַרמאַכטע טירן.

ניט געטראַכט, און אינדערהויך
באַלד אַרויפגעפלויגן,
נאָר דער טשאַדנדיקער רויך
קריכט אים אין די אויגן.

קלאָגט דאָס ווינטל און עס וויינט,
וויינט מיט רעגן-טרערן,
ווער עס הערט אים, יענער מיינט:
ס'וואָיען וועלף און בערן.

שניי־לעגענדע

אין זיין מיל, אַ נאַכט צי צוויי,
האָט דער פראָסט געמאָלן שניי.
און ביז עס האָט גענומען טאָגן,
האָט ער מיט זיין שטורעמוואָגן
און אַ וואָלקן פול מיט לעכער,
אויסגעשפרייט דעם שניי אף דעכער.
און אליין פון ווייסע ווייטן
זיך געזעצט אף דעכער רייטן.

— — — — — — — — — — — — —

ווי די מייסע איז געשען,
האָט אַ מייזל צוגעזען
דורך אַ שפּאַלט אין פירהויז טיר,
און פאַרטרויט דעם ווייזלטיר,
נאָר דער באָק באַם שטעלכל־טויער
האָרכנדיק מיט קלוגן אויער,
איז אריבער פלויט און שטיגן
און עס אָפּדערציילט די ציגן.
קאָן אַ ציג קיין סאָד ניט האַלטן
פון אַ דרויסן אזא קאַלטן,
האָבן עס פאַרטרויט די ציגן
צו די קינדער אין די וויגן.
נעמען קינדער גו־גו מאַכן,
ביז דער פראָסט ט׳גענומען לאַכן.
האָט געלאַכט דער פראָסט דער שלעכטער
און געפּלאַצט פאַר גרויס געלעכטער.

אונטער דער זון

װינטער־נאַכט

אױסגעשטערנט העל דער הימל,
אפֿן שנײ לעװאָנע־שײַן.
דורך די פֿענצטער אין די שטיבער
קוקט אַ װײַסע נאַכט אַרײַן.

קעגן שײַן פֿון דער לעװאָנע
בליצט דער פֿראָסט מיט דימענטשטױב,
און אױף יעדן סלופּ אינדרױסן
זיצט אַ שטילע װײַסע טױב...

װײַסע טױבן, װײַסע בערן,
קײנער גיט זיך ניט קײן ריר;
בלױע צעפּלאַך אײַז־קרישטאָלן
פֿינקלען פֿאַרביק פֿאַר דער טיר.

מאָלט דער פֿראָסט אױף שױבן בלומען,
שפּרײטן זײ אַ קאַלטן דופֿט.
און דער בלױער רױך פֿון קוימען
קלעטערט אױף דער שטײפֿער לופֿט.

אָנגעפּעלצט װי װײַסע בערן,
הײַזעלאַך גאַס־אױס, גאַס אײַן.
און די שױבן, זײערע אױגן,
פֿינטלען מיט אַ העלן שײַן.

פרילינג־רעגן

גייט אַ פריער פרילינג־רעגן
איבער שטעגן, איבער וועגן,
אָנצוטרינקען אַלע פעלדער,
אַלע גערטנער, אַלע וועלדער.

ביז עס וועט דער זומער קומען
וועלן בליען שוין די בלומען,
און די קלאָרע קוואַלן וועלן
אַזש פאַר גרויסער נאַכטס קוועלן...

און אין גאָרטן דעם פאַרזייטן
וועלן ליגן רונדע בייטן.
וועלן אַלע גרינסן וויסן
אַז די בייט איז זייער קישן.

וועלן קרויט און מאָן אין רייען,
— ווער אַליין און ווער אינצווייען —
זיך דעם מויאך שוין ניט דאַרן
וואו די קעפּלאך אָנצושפּאַרן.

און באַנאַכט אין שטילן שווייגן,
צווישן בלעטער אַף די צווייגן,
וועט ארויסשטעקן זיין קעפּל
פון באַהעלטעניש יעדער עפּל.

וועט די זון זיך אין די טאָלן
שטיל פאַרגאַנווען, און באַמאָלן
מיט איר ראָז די עפּל־בעקלאך
און די קעפּ פון בלומענגלעקלאך.

ווען דער קילער האַרבסט וועט קומען,
וועט שוין זיין אַראָפּגענומען
גאָר דאָס פרוכט און גרינס, אין קעלער,
פולע קערב און פולע טעלער.

פרילינג־שפּילער

שטיפער פרילינג קוקט ארוים
דורך די גרינע צווייגן.
ווילן קינדער גיין פון הויז,
פייגל פון די שטייגן.

קוואַקען הינער, קרייט דער האָן
פלאַפּלען גענדז און ענטלאַך.
שפּילן קינדערלאַך אין קאָן
פלעכטנדיק די הענטלאַך;

זשומט אַ פרילינג־ליד די בין,
פליט פון בלום צו בלימל.
ווילדע גענדזלאַך ווי אַ קלין
שוועבן איבערן הימל.

פויגל, פלאַטערל און גריל,
זשוקל, גראָזשפּרינגער,
אַלע אין דעם פרילינג־שפּיל,
אלע גוטע זינגער.

פרואווט אַ ניגן דער קוקון,
כאַפּט קאָנאַריק אונטער, —
פרילינג־גרינס און פרילינג־זון
מאַכן אַלעמען מונטער.

פרילינג־פייגל

פרילינג, פרילינג, פרעסער,
פרעסט־אויף אלע פרעסט.
קומען פרילינג־פייגל
בויען זיך אַ נעסט.

פון די ווייטע לענדער
קומען פייגל אָן.
פּרואווט דער ראָבין־רויטברוסט
אויס, דעם ערשטן טאָן;

ווי די זון באַווייזט זיך
פון איר פוטערפּאס,
הערט מען פייגל זינגען
איבער פעלד און גאַס.

נאַכטיגאַל, קאַנאַריק,
זינגערלאך אַ פּאָר.
רויטברוסט, וואָראָבייטשיק
העלפן אויך אין כאָר.

קומט די שוואַלב צופליען,
ווייסט ניט וואָס צו טאָן:
אומעטום פאַרכאַפּט שוין
יעדער אויבנאָן...

זעט זי: ס'איז פאַרפאַלן,
טראַכט זי ניט קיין סאך
און פאַררוקט זיך נעבאך
ערגעץ אונטערן דאַך.

אידיליעס צװישן ליליעס

גערײכט באַװאַרנט דער ליליע-פעלד
װאָס ליגט אין גרינעם טײַכל;
דאָס טײַכעלע — אַ זשאַבע-װעלט
און װאַסער-מאַך — אַ מאכל.

די זשאַבעס שפּילן דאָרט מוזיק,
און ברײטע טשערעפּאַכעס
װערן ברײטער נאָך, פון גליק,
פון װאױלטאָג און פון נאַכעס.

עס יאָגן זיך די פישעלאַך
ארום די פלאַכע ברעגן,
נאָך מיקן אָפּן װאַסערפלאַך
װאָס טאַנצן זײ אַנטקעגן.

די לופט אַ פולע מיט געזאַנג
און שמעקענדיקער ראָסע.
און װאו-ניט-װאו אַ װאַסער שלאַנג
װאָס ציט זיך צו יאַבאָשע.

די ליליע-בעכערס אָנגעפילט
מיט האָניק פאַר די בינען.
און װער עס עסט, און װער עס שפּילט,
אַזױ פון פרי באַגינען.

עס לויכט די זון מיט העלן שײַן
אַראָפּ אױף די אידיליעס.
און אַלץ איז װי ס׳בדאַרף צו זײַן
אין טײַכל פון די ליליעס.

אַ זומערדיקער אינדערפֿרי

זומער פֿרי, אַ טאָג אַ לינדער,
שפּיגלען זיך די קלאָרע טייכלעך.
פֿירט אַ קאַטשקע אירע קינדער,
קאַטשענדיק די רונדע בייכלעך;

אױף אַ בלעטל פֿון אַ ליליע
זיצט אַ זשאַבעבע אַ גרינע.
זיצט זי זיך אַזױ, אַ שטילע,
מיט אַ שלעפֿעריקער מינע;

אױסגעבאָדן זיך אין װאַסער
און אַ מידער פֿון באַלאַקען,
זיצט אַ צװײטער פֿראָש, אַ נאַסער
און ער קײַט אױף בײדע באַקן;

אױפֿן טײַך, אַביסל װײַטער,
נעמט אַ גאַנדז זיך אונטערטוקן.
און אַ זשוקל, אַ פֿאַרשײַטער,
לײגט זיך שװימען אױפֿן רוקן;

טוט אַ בלאָז אַ לינדער װינטל,
שפּרינגט פֿון גראָז אַרױס אַ העזל,
מיט די אײגעלאַך אַ פֿינטל
און אַ פֿאַרשקע מיטן נעזל;

און אַ װעװעריקל אַ יונגער,
אױפֿגעזעצט אױף הינטער־פֿיסלאַך,
לאָבט זיך אין זײַן גרױסן הונגער
מיט די אַלטע דעמבע־ניסלאַך.

און מוראַשקעס האָווען, שמייען,
קוקן זיך ניט אום אַהינטער.
גרייטן שפּייז, עס זאָל זיי סטייען
אױפן גאַנצן לאַנגען ווינטער.

און אַ מוילוואורף גראָבט זיך טיפער,
לאָזט אין בארג אַ זאַמדיק לעכל,
און אַ שפּרינגערל, אַ שטיפער,
שלאָפט נאָך אונטער אַ שוואָמענדעכל;

שטייט אין פעלד אַ קו, אַ רויטע,
קלינגלט אױף איר האַלדז אַ גלעקל.
און איר קאַלב, נאָך גאָר אַ שויטע,
טאַנצט מיט אַ פאַרריסן עקל.

שטייט דער אַלטער באַרג, דער שוימער
אויסגעפּוצט אין פרישע בלומען.
שעפּטשען אינדערשטיל די ביימער:
ס׳דאַרף אַ גאַסט אַוודע קומען.

דאָרף־בילדער

אז אין שטאָט איז היים און ענג,
אַזאַ טומל, אַ געדרענג, —
לאָמיר קינדער פון דער שטאָט,
ווער מיט באַן און ווער מיט טראָט,
אויסן שטאָט זיך לאָזן גיין,
וואו ס׳איז אַלצדינג פריש און שיין;
דאָרט איז ניי און יונג די וועלט:
גרינע בערג און וואלד און פעלד.
און אין פעלד די סטערטעס היי:
פּיראַמידן אין אַ ריי;
ס׳איז דאָרט שמעקעדיג די לופט,
פול מיט פרישקייט און מיט דופט.
און די פייגל זינגען צו
צו דער דאָרפיש שטילער רו;
אָט, אַ סאַזשעלקע, אַ קוואַל,
אָט אַ קליינער וואסערפאל,
רוישט און פלאַפלט טאָג ווי נאַכט.
ביימער שטייען ווי פארטראַכט.
גערטנער פול מיט גרינס פארזייט.
און אף אלץ ליגט אויסגעשפרייט
אזא הימל, בלאַנק און בלוי.
און אין אָוונט — פּערלטוי
זילבערט אָפּ דאָס גראָז אף דר׳ערד,
פאר די פי און פאר די פערד;
זעסט פונוויטנס בהיימעס, זאַט, —
שטייען זיי און מעקען גלאַט.
אַיטערס אָנגעקוואָלן, שווער,
באָמבלענדיק זיך הין און הער.
און דאָס פערד, צו דר׳ערד די נאָז,
גריזשעט גערן גרינעם גראָז.
און דער אייזל, ערשט פון יאָך,
קוקט אף אים און טוט אים נאָך.
טשאַטעס אויפעם ארום הויז

פּיקן, פונם מיסט ארויס.
און דאָס קעצל ווי אַ קנויל
מורקעט שלעפעריק און פויל.
און דער הונט, מיט ראָזן צונג,
כאַפּט אַ פליג און טוט אַ שלונג;
שטייט אַ וואַסער־פּלומפּ ביים סאָד,
דרייט דער ווינט דעם וואסער־ראָד;
דאָ און דאָרט אַ פייגל־נעסט
פאר די זינגענדיקע געסט.
און ביים טייכל, באַרג־אַראָפּ,
טאַנצן קינדער אויף און אָפּ.
באָדן זיך און שפּרינגען אום
נאַקעטע, אין גראָז ארום.
און דער גרינער סאָסנע־וואלד
ווי אַ וועכטער, היט און האַלט
אין זיין טונקל — יאַגדעלאך
אלערלייאיקע א סאך:
בלויע יאגדעס, פּאָזימקעס,
ווילסטו עסן — קלייב און עס.
ווילסטו — רייס־אָן הויפנס ניס,
רונד און פעט און צוקערזיס.
אלץ געדייעט, וואַקסט און קוועלט,
מענטש און פי, און בלום און פעלד.

שטורעם און שטילקייט

עס פאָרן די קליינינקע טראָפּנדלאַך רעגן
אין בויד פון אַ וואָלקן, געטריבן פון ווינט.
די דונערפערד טראַמפּלען די הימלשע וועגן
און ס'לויפן פאָרויס זיי צעבייזערטע הינט.

צעבייזערטע שטורעמהינט האווקען און וואָיען
מיט בליציקע אויגן... און שוים אפן מויל.
און ס'הויבן זיך אונטער די דונערפערדס קלויען
די שטויביקע וואָלקנס, אַ קנויל נאָך אַ קנויל.

די וואָלקנבויד איז שוין אין דאָרף אָנגעקומען,
דער טרייבער, דער שטורעם, האָט זיך אָפּגעשטעלט.
די דונערפערד הירזשען און טופּען און ברומען
מיט קוילעס וואָס קלינגען־אָפּ איבער דער וועלט.

די טראָפּנדלאַך רעגן, דעם ווינטס פּאַסאַזשירן,
דערזעען: עס פאָרן ניט ווייטער די פערד —
צעפּראָלן זיי ברייט אַלע פענצטער און טירן
און לאָזן פון בויד זיך אַראָפּ אַף דער ערד...

די ערד האָט אַף רעגן אַ כוידעש געוואַרט שוין,
אַ שטילע געבעטן: „אָ רעגנדל קום!
עס זייגען די טוואָועס און גראָזן פאַרדאַרט שוין,
און ס'טריקנט דער בעכער אין יעטווידן בלום.״

נו, זיינען די בלויאינקע טראָפּנס, ווי טויבן,
געפלויגן אַראָפּצו, אַ שאָ נאָך אַ שאָ,
און האָבן געפּיקט און געקלאַפּט אין די שויבן,
און ווימן געלאָזט אַז זיי זיינען שוין דאָ.

נו, האָבן די פּויערים פריילאַך געקוואָלן
און פליגלען אין מיל, זיך פאַר סימכע געדרייט:
„מיר וועלן שוין שניידן און דרעשען און מאָלן,
מיר האָבן געוואַרט, און מיר זיינען שוין גרייט.

און פּול ביזן באַלקן, וועט שטיין אונדזער שייער,
אין קעלער — קאַרטאָפל און עפּל און קרויט.
און פריילעך וועט קנאַקן אין אויוון דער פייער,
און איבערגייין וועלן די דייזשעס מיט ברויט.״

אַ מייסע פון אַ גאַנץ יאָר

פרי איז פרילינג אָנגעקומען,
און דער זומער, עטוואָס שפּעטער.
אַף דער ערד צעשאָטן בלומען
און אַףביימער — גרינע בלעטער.

אָנגעאַרבעט, אָנגעלאָפן,
אַלע פעלדער אויסגעטראָטן —
זיינען ביידע איינגעשלאָפן
אַף אַ קילן, גרינעם שאָטן.

און דערוויל האָט זייער „פעטער
האַרבסט", פּאַמעלאַך זיך פאַרקליבן,
און מיט גאָלד אַף גרינע בלעטער
האַרבסט געשיכטעס אָנגעשריבן...

איז דער „זיידע פון די צייטן":
ווייסער ווינטער, אָנגעפלויגן
אַף זיין ווייסן פערד, פונוויטן,
און דעם האַרבסט מיט ווייס באַצויגן.

— — — — — — — — — — — — —

אַז דאָס פּאָרל איז פון גרויסן
זיסן שלאָף, צו זיך געקומען,
האָבן זיי געבראַכט דעם דרויסן
נייע בלעטער, נייע בלומען.

באַפעלטע און באַפעדערטע

קיעלע, קיעלע

קיעלע, קיעלע רויטינקע,
קום אריין אין טויער.
מיט אַ קליינעם שעפּעלע
וואַרט אַף דיר דער פּויער;
האָסט געשטשיפּעט גרעזעלאַ!
אַ גאַנצן טאָג אין פּאַשע, —
גיב איצט מילך אַ שעפּעלע,
וועט מען קאָכן קאַשע.

הינדעלע, הינדעלע ראַבינקע,
הינדעלע מיין ראַבע,
ס׳האָט פאַר דיר א סידעלע
אָנגעגרייט די באַבע.
קערנערלאַך אין אונדזער הויף
האָלטסטו אין איין זוכן —
גיב אונדז איצט אַן אייעלע,
וועט מען באַקן קוכן.

בינעלע, בינעלע שטעכיקער,
בינעלע דו געלער,
ס׳וואַרט אַף דיר דאָס פּויערל
באַם בינשטאָק, מיט אַ טעלער.
ביסט געשלאָפן פוילינקער
דורכן לאַנגען ווינטער, —
קען זיין שלאָפן איז געזונט,
נאָר האָניק איז געזינטער.

קיעלע, הינדעלע, בינעלע,
איילט זיך צו געשווינדער:
האָניק, מילך און אייעלאַך
דארפן קליינע קינדער.

פייגעלע, פייגעלע

פייגעלע, פייגעלע, טשיר, טשיר, טשיר,
עפּשער ווילסטו ווײַן מיט ביר?
— מיט די פליגעלאַך אַ מאַך,
מיינט עס: גיב מיר קערנערלאַך.

הינטעלע, הינטעלע, האַוו, האַוו,האַוו,
עפּשער ווילסטו גרינעם שטשאַוו?
— מיטן עק א כוינדעלע,
מיינט עס: גיב אַ ביינדעלע.

קעצעלע, קעצעלע, מיאו, מי־אַ־או,
עפּשער ווילסטו מאַצע־בריי?
— מיטן עק אַ קרייזעלע,
מיינט עס: גיב אַ מייזעלע.

כאַזערל, כאַזערל, כריוק, כריוק, כריוק,
עפּשער ווילסטו טאָרט אַ שטיק?
— טוט ער מיטן עק אַ שווינג,
מיינט עס: גיב מיר אַלעסדינג.

כאַווערשאַפט

דער האַלב-טויבער הונט
איז געווען ניט געזונט,
געלעגן אין זון און געשוויגן.
איז געקומען די קאַץ
און געבראַכט אױף אַ טאַץ
אַ ביינדל, און עטלאַכע פליגן.

די פליגן באַשמעקט,
דאָס ביינדל באַלעקט,
צום מויל אָבער גאָרנישט גענומען.
קיין זאַך פונם טאַץ,
ווייל... עס האָט גאָר די קאַץ
פאַרשמעקט צו דעם הינטישן גומען.

ער האָט קראַנקערהייט
דאָס קעצל „באַגלייט"
ארוים ביז צום הינערשן שטעלכל.
ס׳איז שפּעטער געווען
אַ כאַרפּע צו זען
וואָס זי האָט געמאַכט פון זיין פעלכל.

קוקעריקו

קוקעריקו ווייסער האָן
אפן לייטער אויבנאָן.
לייגט דער הימל אוים א זון,
און אן אייעלע, די הון.

מו־או, מו־או, רויטע קו,
אונדז אַ קעלבעלע גיב דו.
וועט עס לויפן אפן גראָז
און וועט שפרינגען ווי אַ האָז.

הירזשע, הירזשע ראבער פערד,
טופע מיט די פים די ערד.
וועל איך רייטן אין געיעג
ביז צום וועיטן הימלברעג.

האַ־או, האַו או בייזע הינט,
לויפט און יאָגט דעם שטורעמווינט.
כאַפּט אים אָן און בייסט אים איין,
וועט איר גרויסע בעריעס זיין.

אז איר'ט מיטן ווינט אַוועק,
וועלן איינשלאָפן אָן שרעק,
ניט פאר הינט, און ניט פאר ווינט,
אין די וויגן יעדעס קינד.

אַ מײַסע מיט אַ פֿליג

מיט די פֿיסלעך, גאַנצע אַכט,
שפּינט אַ שפּין אַ גאַנצע נאַכט.
שפּינט ער ביז פֿרימאָרגן־לעב
אױף דער סטעליע זײַן געװעב.
שפּינט אַרױף צום װינקל־װאַנט,
ניט צו גרײכן מיט דער האַנט.

מיט זײַן בײַכל, רונד און דיק,
װאַרט ער נאָכדעם אױף אַ פֿליג.
קומט אָן אײנס און זשומע זשום,
שמעקט דעם שפּינװעבס גוט אַרום,
דאָ אַ שמעק און דאָ אַ לעק,
און זי פֿליט צום שױב אַװעק.

אױפֿן פֿענצטער אין אַ קנױל,
ליגט דאָס קעצל זאַט און פֿױל.
דרײט די פֿליג זיך אין אַ ראָד,
רױמט דאָס קעצל אײַן אַ סאָד
אַז אין שפּינװעבס אױפֿן װאַנט
ליגט אַ מױז פֿון מױזנלאַנד.

און דאָס קעצל, װי זי זיצט
מיט די אױערלאַך פֿאַרשפּיצט,
טוט זיך קעציש אַזאַ צי
פֿױך! צום װינקל אַזאַ פֿלי,
אַזש דער לאָמפּ און בלומענטאָפּ
פֿאַלן מיט אַ קראַך אַראָפּ.

און די קעכין פון דער קיך,
לאָזט אריין זיך אינדערגיך
מיט אַ בעזים אין דער האַנט.
און דאָס קעצל, — אוי א שאַנד —
מיט געשרייען און מיט קלעפּ
הענדום פּענדום פון די טרעפּ.

נאָר די פליג, ווי ניט געמיינט,
אַרט ניט וואָס דאָס קעצל וויינט.
און זי לאָזט זיך אונטערן דיל
אָפּדערציילן עס דעם גריל.
און דערנאָך, ווי אָפּגעמאַכט,
פייפן זיי די גאנצע נאַכט.

שװאַנען

זיבן װײַסע שװאַנען
אין אַ קאַרעהאָד,
עסן מאַרצעפּאַנעס
פֿון אַ סקאָװעראָד.

נאָכדעם שלינגט-אײַן יעדע
אַ געשטאָפּטן פֿיש
און װישט אָפּ דעם שנאָבל
מיט אַ פֿלעדערװיש.

אַז אַ שװאַן פֿאַרװילט זיך
עסט זי אַ מאַראַנץ.
און איר שװאַנענגאַנער
טאַנצט דעם שװאַנענטאַנץ.

אַז ער װערט פֿאַרמאַטערט
לײגט ער זיך אַװעק,
און צום שװאַנענטאַנצן
נעמט... אַ שװאַנען־עק.

ס'הינדל־געזינדל

מיט איר קליינינטשקער געזינדל
פירט זיך אום אַ גרויע הינדל.
רונדע, פּוכינקע ווי וואַטע,
קליינע הינדלעך אָן אַ טאַטע...

ווייניק נאָך וואָס הענדל קרייער
האָט ניט אויסגעלייגט די אייער,
ניט געוואַרימט, ניט געבריט זיי,
פון דער קעלט ניט אָפּגעהיט זיי.

וואָכן דריי ניט אָפּגעזעסן —
האָט אינגאַנצן איצט פאַרגעסן
אָן די קינדער, אָן דער מאַמע,
— אויסבאַהאַלטן זיך מיסטאַמע!

(נאָר ס'קען זיין: דער האָן דער העלער
ליגט אין טעפּל צי אין טעלער,
און אינדרויסן, ווי די שטיינער,
ליגן זיינע דאַרע ביינער...)

זינט זי האָט דעם האָן פאַרלאָרן
איז זי גרויער נאָך געוואָרן...
קינדער אַכט, אַליין צו שפּייזן,
דאַרף מען שטאַרקער זיין פון אייזן.

טרוימען וואָס זי האָט געשפּונען,
זיינען לאַנג בא איר צערונען:
אייער—אַכצן, הינדלאַך—אַכט,
פאַר קיין הינער ניט געדאַכט!

פּיקט זי, נישטערט זי אין הויף,
קלײבט פֿון אַלדאָס גוטס צונויף.
פֿאַר די קינדערלאך — ניט פֿויל,
כאַטש דעם ביסן פֿון איר מויל...

אָנגעגעסן פֿול און זאַט,
פֿעטע קערנער, גרינעם בלאַט —
ליגט מען זיך אין װיגעלע
אונטער מאַמעס פֿליגעלע.

אײנגעליוליעטע אין רו
מאַכן אײגעלאך זיך צו,
און די מאַמע־הון באַװאַכט
אירע אױפֿעלאך בײַנאַכט.

און זי כאַלעמט אינדערשטיל,
כאַלעמט פֿון אַ װײַטן ציל
װי עס װאַקסן קעגן זון:
הענדל — האָן, און הינדל — הון.

הינער, הענער

הינער הענער שטייען סטאַם
אפן הויכן לייטער.
איינער מיט אַ ווייסער קאַם,
איינער מיט אַ רויטער.

איינס די אויגן צוגעמאַכט,
איינס די אויגן אָפן.
ווי עס קומט אָן האַלבע נאַכט
לאָזן זיי ניט שלאָפן.

קרייען קוקעריקערו,
— ווער ווייסט וואָס זיי מיינען, —
וועקן קינדערלאַך פון רו,
הייבן זיי אָן וויינען.

אייגעלאַך פאַרלאָפענע
בלישטשענדיק מיט טרערן.
מאַמעס האַלב־פאַרשלאָפענע
טוען באַלד דערהערן.

וויגן זיי די וויגעלאַך,
זינגען צו די קינדער
וועגן ווייסע ציגעלאַך,
וועגן גרויסע וואונדער.

דאָס ברייזל בא דעם מייזל און הייזל

אויב איר זיינט ניט קינדער מיד,
הערט ווי ס׳האָט אַ מייזל
— גלאַט אַזוי צוליב דאָס ליד —
אויפגעבויט אַ הייזל.

אויסגעבויערט מיטן נאָז
אונטערן דיל אַ גריבל.
אויסגעבעט מיט ווייכן גראָז,
פארטיק איז דאָס שטיבל.

אויפגעשטאַנען האַלבע נאכט
פונקט ווען אלע שלאָפן,
און פון אַלדאָס גוטס געבראַכט
וואָס זי האָט געטראָפן: —

אַן אַקרייעץ ברויט מיט קעז,
רוקנס פון צוויי ביכלעך;
און די בענדלאך מיט די נעז
פון אַ אינגלס שיכלעך;

אונטערשלאַק פון אַ קאַמזויל
און אַ שטערנטיכל;
ראַשטשינע אַ פולע מויל
און אַן אייערקיכל.

שפּייז געגוג איז שוין פאַראַן —
טראַכט דאָס קלוגע מייזל:
ס'וואָלט געווען אַ גלייכער פּלאַן
מאַכן זיך אַ ברייזל.

שנאַפּס אַ גלעזל אַף אַ טאָג,
שטאַרקן שנאַפּס דער איקער, —
זאָל זי קומען נאָר, די קאַץ,
וועט זי ווערן שיקער...

און אַזוי ווי אָפּגעמאַכט,
ווי זי האָט באַשלאָסן,
האָט זיך דאָרט די צווייטע נאַכט
שטאַרקער שנאַפּס געגאָסן.

ס'האָט די כיטרע קאַץ דערשמעקט
דעם רייאַך דעם געווויסן —
ביז אַ טראָפּן אויסגעלעקט
און... מיט מויז פאַרביסן.

די רױטע הון און דער ראַבער האָן

די רױטע הון און דער ראַבער האָן
האָבן געװאָלט אַ שידעך טאָן.
פליען בײדע אַריבער אַ פּלױט,
זעען זײ בערגלאַך מיסט און קױט.
מיטן רױטקאָם אױפגעשטעלט
אַפן בערגל מיסט, אַ העלד.
אַ קוק אַהין, אַ קוקעריק,
טוט דער האָן אין מיסט אַ פּיק.
אַ פּיק אַהין, אַ פּיק אַהער,
טוט אַ נישטער און אַ קער,
לאָזט אַרױס אַ קאָ־קאָ־קאָ:
„זײַן זאָל אין אַ גוטער שאָ.
כ׳האָב געפונען עפּעס שײנס
טײער הינדעלע, דו קלײנס״.
נאָר זי טוט אַ דרײ דעם קעפּל:
„אַ מעציע נו, אַ קנעפּל״ —
אַז דאָס הינדל מאַכט אים שפּאַס,
װערט באַ אים דער רױטקאָם בלאַס.
ער׳ט איר װײַזן, פאַר דער שאַנד,
אַז ער קומט פון הענערלאַנד:
קאָ קאָ־קאָ, און פליט אַרױף
אַפן שטאַל אין הינערהױף.
גראַבלט אינם שטרױענדעכל
ביז ער מאַכט אַ היפּשע לעכל.
מיט אײן אױג אַ קוק אַרײַן —
„קאָ־קאָ־קאָ דו הינדל מײַן,
כ׳האָב גענישטערט און אַנטפּלעקט,
נײַעסן פאַר דיר אַנטדעקט:
עפּעס איז דאָרט רונד און נאַס,
און עס בורטשעט װי אַ באַס.״
טוט די הון אַ קוק, אַ שאַר:
„פּעטאַך אײנער, גרױסער נאַר,
ס׳איז דאָס בורטשען און דער כריוק
פון אַ כאַזערישן שנוק.״
און די פליגעלאַך אַ מאַך,
פליט זי פונם שטעלכלדאַך.
און דער ראַבער פּעטאַך־האָן
האָט קײן שידעך ניט געטאָן.

קוואַקוואַ די קאַטשקע און טערטל דער פּראָש

קוואַקוואַ די קאַטשקע איז געשוואומען אַף אַ טייכל
און געקאַטשעט וועלכלאַך פּאָרוים, מיטן בייכל.
ניט וויט פון ברעג, אַף אַ טייער ערטל,
איז געלעגן דער פּראָש וואָס מען רופט אים „טערטל"
און צוגעקוקט זיך סטאָם פון לייטנסוועגן;
עס איז אים ניט אָנגעשטאַנען אפילע צו פרעגן
בא דער קאַטשקע, וואָס זי איז דאָ אויסן,
און פאַרוואָס די וועלעכלאַך פלוידערן און רוישן.
און וואו ליגט אין אַזאַ ארבעט דען דער זינען,
אז די וועלעכלאַך אַנטלויפן און צערינען
און ווערן ווידער פלאַטשיק? — „ס'איז עמעס,
טראַכט ער, אז די קאַטשקע איז אַזאַ כאַכעמעס
ווי אינדיק-כאַלדער, איר אָנגעבלאָזענער פעטער,
וואָס קום איך ניט איצט, איז קום איך שפּעטער", —
קוואַקוואַ די קאַטשקע איז וויטער אזוי זיך געשוואומען
ביז זי איז אַפן ברעג לעבן טערטל'ען געקומען.
— „קוואַ-קוואַ, קוואַ קוואַ, גוטמאָרגן דיר טערטל,
ווי האָסטו געפונען אַזאַ וואוילן ערטל?"
טערטל האָט לאַנג ניט געטראַכט, און גענומען
דערציילן ווי ער איז אַהערצו געקומען.
און אויסגעלאָזט האָט ער: „דו נאַרישע קאַטשקע,
איידער שטויסן וואַסער, איז שוין בעסער אַ טאַטשקע".
קוואַקוואַ האָט אָבער אויך ניט געשוויגן:
„דענקסט ס'איז שענער מיט אן אָפן מויל צו ליגן
און וואַרטן ביז אַ פליג וועט ארײַנפליִען?
כ'וואָלט אזוי נאָך באַדאַרפט די פיס אויסציִען...
טערטל פּראָש, דו מיט דיינע מיעסע גרינע פלעקן,
שעמסטו זיך דעם קאָפּ פון גראָז ארויסצושטעקן.
איך אָבער קען זיך פאַר דער וועלט באַרימען
אז איך האָב באַוויזן קעגן שטראָם צו שווימען..."

די בערן װאָס קלערן

זיצן זיבן גרױסע בערן
אין אַ טיפֿן װאַלד באַנאַכט.
עסן יאַגעדלאַך און קלערן
װער עס האָט דעם װאַלד געמאַכט;

װער עס האָט געמאַכט די האָזן,
און פֿאַרװאָס אַ האָז האָט פּיס.
און פֿאַרװאָס די האָזן לאָזן
זיך ניט כאַפּן, פּונקט װי ניס;

און פֿאַרװאָס די קלײנע בינען
קענען אײנשטעכן אין פֿעל.
און פֿאַרװאָס עס װיל ניט רינען
זיסער האָניק, פֿונם שװעל;

און פֿאַרװאָס דער בײזער טיגער
האָט אַ פֿולע מױל מיט צײן.
און פֿאַרװאָס דער פֿוקס איז קליגער
און קומט קײנמאָל ניט צו גײן;

און פֿאַרװאָס די ערגסטע כאַיע,
די װאָס שפּײט מיט בלײ פֿון מױל,
האַסט דעם גרױסן װאַלד דעם פֿרײען
און פֿאַרשפּרײט אַרום אַ גרױל:

האַרטן בלײ און הײסן רױך
שטעכן זײ אין בערנלײב...
אײנמאָל האָבן זײ, אין בױך,
אײנגעשטאָכן גריזלים װײב.

איז זי שוין געבליבן ליגן,
ניט געטאָן זיך מער קיין ריר...
און די מיקן און די פליגן
האָבן אויפגעפרעסן איר. —

און די בערן טראַכטן, שמועסן,
קייענדיק די יאגעדלאך,
אז דער וואלד איז פול מיט טרוסן
און מיט סאָנים אויך א סאַך.

און עס איז בא זיי געבליבן:
איבעראַנדערהשן דעם וואַלד.
און זיי האָבן עס פאַרשריבן
אף די ברוינע בלעטער, באַלד.

האָט דער ווינט עס אָפּגעטראָגן
צו די כאַיעס, גרויס און קליין.
זיצן טרוסן און זיי קלאָגן,
און די סאָנים שאַרפן ציין...

נאָר די שווערע בערן האָפן:
ס׳וועט ניט דויערן קיין סאך
און... דערווייל איז גוט כאָטש שלאָפן
בא די זיסע יאַגעדלאך.

קלײנוועלט

לייע׳ן א מאַטאָנע,

ליאַלקעס געבורטסטאָג

ליאַלקע ט׳װערן
הײנט אַ יאָר,
דאַרף איך שערן
איר די האָר.

און פאַרפּוצן
דאַרף איך איר.
װעל איך נוצן
קרעפּ-פּאַפּיר;

ראָזע שלײפן,
ברװינע שיך.
כ׳דאַרף אַלץ קױפן
אינדערגיך.

כ׳דאַרף פאַרגרײטן
פרוכט מיט ניס
און פאַרשפּרײטן
אונדזער טיש;

כ׳האָב סערװעטן
אױסגעפּרעסט
און פאַרבעטן
אַלע געסט.

װער ס׳װעט װעלן
דער װעט זײן.
מאַמע ט׳שטעלן
טאָרט מיט װײן;

פלױמענשטרודל,
שאָקאָלאַד,
און אַ פּודל
מאַרמעלאַד;

פעטע שטיקער
כאַלעוואַ,
און אַ דיקער
פּרוכט-פּעטשאַ, —

און די ליאַלקע
אויבנאָן
ווי אַ ליאַלקע
אָנגעטאָן,

ט'זיצן לעבן
מאַ און מיר,
און ניט געבן
זיך קיין ריר...

נאָכדעם װעלן
אַלע גראַד,
זיך צושטעלן
אין פּאַראַד

און אין גראָז
זיך שפּילן פֿיין.
— אוי װעט דאָס
אַ סימכע זיין!

וויטעלע און גיטעלע

וויטעלע און גיטעלע לויפן אין א רעגן,
שטעלט זיי אָפּ א הינטעלע:
— „איך וויל אייך עפּעס פרעגן".
הינטל שאָקלט מיטן עק,
שטשירעט מיט די ציינער:
„ווייסט איר קינדערלאך דעם וועג
צו די פּעטע ביינער?"
— „ניין, מיר ווייסן ניט דעם וועג,
ווייל עס גייט א רעגן.
בא דיין שטיפבּרודער דעם וואָלף
וועסטו זיך דערפרעגן".

וויטעלע און גיטעלע לויפן אין א רעגן,
שטעלט זיי אָפּ א קעצעלע:
— „איך וויל אייך עפּעס פרעגן".
קעצל קאָרטשעט, הויקערט זיך,
מאַכט פון עק א קרייזל:
„ווייסט איר קינדערלאך דעם וועג,
צו א גוטער מייזל?"
— „ניין, מיר ווייסן ניט דעם וועג,
ווייל עס גייט א רעגן.
בא דעם בערגל מיסט, וועסטו
דעם וועג אהין דערפרעגן".

וויטעלע און גיטעלע לויפן אין א רעגן,
שטעלט זיי אָפּ א הענדעלע:
— „איך וויל אייך עפּעס פרעגן".
הענדל רויטקאַם בלאָזט זיך
ווי א פּאָרעצל, א גראָבער:
„ווייסט איר קינדערלאך דעם וועג
צו א זעקל האָבער?"

— „ניין, מיר ווייסן ניט דעם וועג,
ווייל עס גייט אַ רעגן.
באַ דעם מילנערס שייער
ווערסטו זיך אַהין דערפרעגן".

וויטעלע און גיטעלע שלאָפן זיך צוזאַמען,
אין אַ וואַרים בעטעלע
לעבן זייער מאַמען.
וועקט די מאַמע: „קינדערלאַך,
שוין גענוג געשלאָפן!"
זיינען הונט און קעצעלע
און הענדעלע אַנטלאָפן...
וויטעלע שלעפט גיטעלען
אַנטלויפן פונם רעגן,
איידער ס'קומט נאָך אימיצער
און וויל זיי עפּעס פרעגן.

ריװעלע שרײַבט אַ בריװעלע

ס׳זיצט די קלײנע ריװעלע
שטאַרק פאַרטראַכט, פאַרנומען,
און זי שרײַבט אַ בריװעלע
צו איר קלײנער מומען.

ס׳איז איר מומע עטעלע
מיט איר אין אײנע יאָרן.
שלאָפט מיט איר אין בעטעלע
װען זי קומט צופאָרן.

און זײ שפּילן זיך אין הױף
מיט די זעלבע צאַצקעס.
גראָבן זײער גאָרטן אױף,
פירן זאַמד אין טאַטשקעס;

קנעטן בלאָטע־קעזעלאך,
לאָזן זײפנבלאָזן.
יאָגן שפּרינגער־העזעלאך
אין די טיפע גראָזן;

לאָזן „קאַטשקעלאך" אין טײך
װײט אַװעקצושװימען. —
נאָר אַז עטעלע איז רײך,
נעמט זי זיך באַרימען:

„װײסט, איך האָב דאָך, ריװעלע
אינדערהײם אַ פערדל.
און מײן ברודער קיװעלע
אַן עמעסדיקן שװערדל;
„און אַ פּילקע האָב איך אױך,
און אַ שטריק צום שפּרינגען.
און אַ באַן װאָס לאָזט אַ רױך,
מיט אַ גלאָק צום קלינגען".

ריװעלע הערט אַלצדינג אױס,
מאַכט אַ קרומע מינע:
ס׳איז איר װײטיק זײער גרױס
און סאַ׳יז גרױס איר קינע:

אז מ׳האָט שוין צאַצקעס פיל
דאַרף מען זיך דען גרויסן?
אז מ׳וויל נאָר, ווערט אַ שפיל
אַלצדינג וואָס אין דרויסן...

זיצט די קליינע ריוועלע
איצט פאַרטראַכט, פאַרנומען,
און זי שרייבט אַ בריוועלע
צו איר קליינער מומען:

„ליבע מומע עטעלע,
כ׳וויים: דו זאָגסט מיר ליגן.
כ׳וועל דיך אין מיין בעטעלע
מער ניט לאָזן ליגן;

„כ׳האָב אַ מומע, אַ גרעסערע,
— דו ביסט דאָך אַ קליינע —
זי׳ז פון דיר אַ בעסערע,
אַ גוטע און אַ שיינע.

„זי׳ט אַ ליאַלקע מיר געבראַכט,
קען זי זאָגן „מאַמע”.
אין מיין בעטעלע באַנאַכט
שלאָפן מיר צוזאַמען;

„אז זי שטייט-אויף אינדערפרי,
עפנט זי די אויגן.
און אַ שטילינקע איז זי,
ניט ווי דו, פאַרצויגן...

„ס׳איז אַן אַלטע שוין דיין מא,
ווייל זי איז מיין באָבע...
נאָר זי ליאַרעמט: „שטיל זיי! שאַ!”
און זי איז אַ גראָבע...

„איצטער גרים דעם טעדי-בער
און די אַנדערע כאַיעס.
כ׳האָב ניט וואָס צו שרייבן מער,
ס׳איז ניטאָ קיין נייעס”.

כאַווע די פּאַווע

די קליינינקע כאַווע
מיינט זי איז גרויס.
זי גייט ווי אַ פּאַווע
ארום דורכן הויז.

זי פלעכט איין אין צעפּל
אַ זיידענעם באַנד,
און גלעט זיך דאָס קעפּל
אַ שאַ נאָכאַנאַנד.

זי רייבט זיך די בעקלאך
און פּודרעט די נאָז,
און בייט אירע זעקלאך
אָט בלוי און אָט ראָז.

זי טאַנצט קעגן שפּיגל
און ווערט גאָרניט מיד.
זי מיינט זי האָט פליגל
און מיינט אַז זי פליט.

צום לאַנד פון שפּיל

קינדער, לאָמיר שפּאַנען ציגן
און אַנטלויפן פלינק און שטיל.
לאָמיר פאָרן ביז מיר קומען
אין דעם שיינעם לאַנד פון שפּיל.

קינדער עלטערע, פונפאָרנט
אויף די בעזימשטעקן־פערד,
און די קלענערע, פונהינטן
אויף די ציגן מיט די בערד.

גאָר די קלייניקע, אינמיטן
אויף אַ קאַטשקע־קאַראַוואַן.
און די פוילע טשערעפּאַכעס
וועלן נאָכגיין שפּאַן נאָך שפּאַן.

לאָמיר אויפן וועג פאַרנעמען
אינדיק־כאַלדער און זשיראַף.
און די שווערע טעדי־בערן,
פּיפּערנאָטער און דעם אַף.

העלפאַנדל און היפּאָפּאַטאָם,
האָרן־נאָז און קאַנגאַרו.
לעמפּערטלאַך און קליינע הירשן,
און אַ בופלאָקס דערצו, —

ס׳וועט זשיראַף זיין האַלדז דעם לאַנגען
אויסשטרעקן צום העכסטן צווייג
און וועט פרוכטן אונדז דערלאַנגען:
דעם אַן עפּל, דעם אַ פייג;

און דעם גרויסן היפּאָפּאַטאָם
מיטן פעטן גראָבן קאַרק,
וועט מען שיקן ער זאָל זוכן
און פאַרגרייטן עסנוואַרג.

נאָכדעם מאַכן מיר אַ מילכל
צו פאַרקויפן מעל אין שטאָט.
און די וועווערקע וועט מאָלן
דרייענדיק זיך אין אַ ראָד;

הענער וועלן שפּאַלטן שפּענער
און דער אָף וועט באַקן ברויט.
און עס וועלן טשערעפּאַכעס
שאַטקעווען אונדז קעפּלאָך קרויט.

און דער קאַנגאַרו וועט ברענגען
אין זיין קעשענע אונדז נים
און די פייגל וועלן געבן
פייגלמילך, ווי צוקער זים.

שפּילן אַלערליי, די שענסטע,
ניט צום ציילן, אַזוי פיל,
וועלן אַלע קינדער קריגן
אין דעם שיינעם לאַנד פון שפּיל.

די יאַטן־אַרמיי

לאָמיר שטעלן זיך אין רייען,
זיך מושטירן ווי סאָלדאַטן.
שטעלט זיך אלע די וואָס זיינען
בראַווע שטיפער, בראַווע יאַטן.

מיידלעך דארפן אויכעט מיטגיין
אי פאר קריגער, אי פאר „שוועסטער".
פאר די יאַטישע ארמייען
וועט פאַרויסגיין אַן אָרקעסטער :

איינער ט'שפילן אַף אַ קעמל
(אין אַ גילזע עס פּאַרוויקלען)
איינער ט'פּייקלען אַף אַן עמער,
איינער גלאַט אַזוי זיך ציקלען ;

איינער ט'בלאָזן אין אַ רערל
און אַ צווייטער אין אַ פלעשל.
און מיר וועלן דורכמאַרשירן
יעדע גאַס און יעדעס געסל ;

מאַמעס וועלן אונדז פאַרגרייטן
פרוכט און צוקערלעך און טאָרטן.
מיר'ן שטורעמען די פעסטונגס,
מיר'ן שטורעמען די פאָרטן.

מיר'ן אָנטאָן זיך מונדירן,
שווערד אין גארטל זיך פאַרשטעקן.
וועלן רייכע זיך באַהאַלטן,
וועלן באָסעס זיך דערשרעקן.

אלע דארפן ארבעטער ווערן,
אלע דארפן ערלעך לעבן.
מיר'ן נאָר די וועלט פאַרנעמען
פאר דער וועלט זי אָפּצוגעבן.

צייט פון שפּיל

פול מיט הימל איז דער דרויסן,
זון מיט בלומען אזוי פיל.
און דער זומערטאָג, דער גרויסער,
האָט אזויפיל צייט פאר שפּיל.

זשוקלאך, באַבלקעס און גרילן,
פערהדלאך, קעלבלאך, קיעלאך, —
לאָמיר מאַכן שיינע שפּילן
און זיך אָנשפּילן אַ סאך.

אין די טיפע גרינע גראָזן,
אפן בוידים, אונטערן טיש.
אין די פעלדער ווי די האָזן
און אין טייכל ווי די פיש;

און די וועלדלאך ווי די בערן,
ווי די שטאָרכן אפן דאַך, —
לאָמיר טראַכטן, לאָמיר קלערן
וועגן נייע שפּילעכלאך.

שאַט! אין וועלדל זידט אַ קאַלטער
וואַסערקוואַל, געשמאַק און פריש.
און דער נוסבוים, דער אַלטער,
אָפּגעשאָטן איז מיט ניס.

און די בערג מיט טיפע שפּאַלטן,
— יעדער שפּאַלט אָף טויזנט שפּאַן —
ערגעץ ליגט דאָרט אויסבאַהאַלטן
קיזלריז דער עכאָ־מאַן.

אונטער שאָטנדיקע קוסטן
פינטלען יאַגדעס אזוי גרוים!
און איך וויים אַ בוים אַ פוסטן,
וועט דער בוים זיין אונדזער הויז.

וועלן כאַיעס זיך דערשרעקן,
וועלן זיי אַנטלויפן באַלד.
נאָכדעם וועלן מיר אַנטדעקן
נייע לענדער אינם וואַלד.

בערל ברען

בערל איז
אַ יונג אַ ברען:
אַלצדינג ווייס ער
און ער קען.
כאַפּן פליגן,
זשאַבעס אויך;
שפּייען ווייט
און קריכן הויך;

פלעכטן צעפּ
אין פערדן־עק,
און פאַרבינדן
קעץ אין זעק.

און מיט קינדער
אין זיין קלאַס,
נאָר זיך רייצן
מאַכן שפּאַס:

דעם אַ שטויס
און דעם אַ קניפּ,
דעם אַ שטורך
אין צענטן ריפּ.

דעם אַ צונג
און דעם אַ פייג. —
אָט, ער הענגט שוין
אַף אַ צווייג;

אָט, ער קריכט שוין
אַפן דאַך,
און פון לייטער
פלוצלונג טראַ־אַך!

אַזא הוילעך,
אַזא פיר, —
בערל, וואָס
וועט זיין פון דיר!

דאָס פּייפּעלע

וועלוול האָט אַ מעסערל,
הערשל האָט אַ פּייפל,
שימען האָט אַ פּאַדקאָווע,
גערשל האָט אַ שרייפל.

סאָרעלע די שוואַרצינקע
האָט אַ שנירל קרעלן, —
ווילן אַלע ייִנגעלאך
סאָרעלען געפעלן.

וועלוול ברענגט זיין מעסערל,
הערשל ברענגט זיין פּייפל.
שימען ברענגט זיין פּאַדקאָווע,
גערשל ברענגט זיין שרייפל.

וויל זי נאָר דאָס פּייפּעלע, —
בלייבן דריי פאַרשעמטע.
דריי פאַרשעמטע ייִנגעלאך
מיט הערצעלאך פאַרקלעמטע.

די קראָם

געצל פלעצל האָט אַ שנירל
און אַ פּאַסטקע און אַ טירל.
און אַ מעסער און אַ קלינגל
און אַ גלעקל און אַ צינגל.
און אַ ביכעלע און בלעטלאַך
און אַ שירעמל און דרעטלאַך.
און אַ קעמעלע און ציין
און אַ דימענט און אַ שטיין.

געצל פלעצל האָט אַ שערל
און אַ ביקסל און אַ רעדל.
אַ פּאָר שיכלאַך און די גּעזלאַך
און שפּאַקולן און די גלעזלאַך.
און אַ בייגל און אַ לעכל
און אַ היטל און אַ דעכל.
און אַ ליכטל און אַ קנויט
און אַ וואורשטל און אַ הויט.

ס'איז זיין כּאַווערל אָורעמל
דער פאַרקויפער אין זיין קרעמל,
ווייל אָורעמל איז אַ אינגל
מיט אַ שאַרף געשליפן צינגל.
געצל וואָלט אַן אוישער ווערן
ווען זיין מאַמע זאָל ניט שטערן:
ער קלייבט און טאָג-איין, טאָג-אויס,
און... די מאַמע וואַרפט אַרויס.

קוליענדיק זיך

בערגל ארויף און בערגל אראָפּ,
קוליע און קוליע זיך איבער
אויבן די פיס און אונטן דער קאָפּ,
ס'קוליען זיך איבער די שטיבער.

הימל און טייך, שייער און סאָד
הינער און קעלבער און ציגן,
דרייען זיך איבער ווי אין אַ ראָד,
הוידען זיך פּונקט ווי אין וויגן.

בלוי פון הימל, גרין פון גראָז
הענער מיט פלאַמיקע קאַמען,
קאָפּ און פיס, בויך און נאָז
מישן זיך אלע צוזאַמען.

— — — — — — — — — —

ס'האָט זיך געדרייט די גאַנצע וועלט
פּונקט ווי אינלופטן די טויבן.
נאָר אז כ'האָב מיך אָפּגעשטעלט,
איז ווידער מיין קאָפּ געווען אויבן.

ל. בערקאָוויטש

באַלמעלאָכעס

כ'לערן זיך פאר שוסטער
ניי איך גוט און גיך
שטיוול פאר די אינגלעך,
פאר די מיידלעך שיך.
ס'גייען קינדער באָרוועס,
קינדער אזוי פיל, —
זיין א גוטער שוסטער
איז א גוטער ציל.

כ'לערן זיך פאר שניידער
מיט דער נאָדל, שער,
גוטע ווארעמע קליידער
דארפן מיר וואָס מער.
ס'גייען קינדער נאקעט,
פרירן אין דער קעלט —
זיין א גוטער שניידער,
דאָס בעסטע אין דער וועלט.

כ'לערן זיך פאר סטאָליער:
כ'נעם א זעג, א ברעט.
כ'בוי א הויז א גרויסע,
כ'מאַך א גוטע בעט.
ס'דארפן הייזער האָבן
היימלאָזע א סאך —
זיין א גוטער סטאָליער
איז א גוטע זאך.

כ'לערן זיך פאר בעקער:
כ'הייץ דעם אויוון איין,
ברויט אף א לאָפּאטע
זעץ איך דאָרט אריין.

בייגל, זעמל, קוכן,
אזש ס'צעגייט אין מויל, —
זיין אַ גוטער בעקער
איז דאָך גוט און וואויל.

כ'לערן זיך פאר פויער:
כ'נעם אַ פלוג, אַ פערד,
אין' אַקער און איך בראָניע
און פארזיי די ערד.
פרוכט און גרינס און טוואוע,
יאַגעדעס און ניס, —
זיין אַ גוטער פויער
טייער איז און זיס.

שוסטער, שניידער, סטאָליער,
פויער, בעקער אויך,
מיר די ארבעטער־קינדער
שעצן ארבעט הויך.
דער וואָס האָט ליב ארבעט
זאָל צו אונדז אריין —
ארבעטן און בויען
שיין איז, גוט און פיין.

עטקע

ס׳איז עטקע געוועזן
ווי מיידלעך — אַ מיידל,
ביז ס׳האָט איר איר מאַמע
געזאָגט, זי איז איידל.

„אַ מיידל פון איכעס,
פון „העכערען שטאַנד״,
וואָס ס׳פּאַסט ניט זיך באַווערן
מיט אַנדערע באַנאַנד;

„אַ מיידל ווי עטקע
מוז אָנהאַלטן שטאַט,
ווי „איידעלע קינדער״
זיך האַלטן אַקוראַט;

„ניט לויפן, ניט שפּרינגען
אַזוי ווי אַ ציג;
ניט ליאַרעמען הויך,
און ניט טשעפּען קיין פליג;

„דאָס קליידל ניט קנייטשן,
ניט רייסן די שיך.
ניט ריידן פּאַמעלאַך,
ניט ריידן צו גיך;

„זיך דאַרפן ניט זעצן
און דאַרפן ניט שטיין.
אַהערצו ניט קומען,
אַהינצו ניט גיין״.

איז עטקע געגאַנגען
געקראַכמאַלט און שטאָלץ,
קיין בויג ניט געטאָן זיך
אַזוי ווי אַ האָלץ.

אליין זיך געשפּילט
אויפן גאַס און אין שטוב.
— וואָס דאַרף זי כאַווײרים,
וואָס טויג איר אַ קלוב?

געקאָרמעט דעם בייכל
(געפּאַשעט אַ „בויך")
אליין זיך גענודיעט
און אַנדערע אויך.

אַזוי איינאַליין איז
געוואַקסן זיך עטקע,
און ס'האָבן איר שכיינים
גערופן: קאַקעטקע.

אַזוי איז פאַריבער
אַ יאָר און נאָך מער,
ביז איינמאָל האָט עטקען
דערטאַפּט אַ פּיאָנער.

געשמועסט מיט עטקען,
געשפּילט און פאַרבראַכט,
און... האָט אין פּיאָנערישן
קלוב, זי געבראַכט.

— — — — — — — —

עס איז אַ פאַרזאַמלונג
מיט קינדער, געדיכט,
און איין קינד פאַרצייכנט
יעטוווידנס באַריכט.

און נאָכדעם ווערט שטיל.
ווען דער פּאַרזיצער רעדט.
און נעמען פון שלאָגלער
ער שטעלט אפּן ברעט.

ער לויבט און ער טאַדלט,
ווי ווער עס פאַרדינט.
און יעדער איז גלייך דאָרט:
אַ קינד איז אַ קינד.

און נאָכדעם אַ שמועס
פון צווייטער פּיאַטילעטקאַ, —
עס גאַפּט און עס שלינגט אַלץ
אַריין אונדזער עטקע.

דאָס מויל בײַ איר, אָפן,
די אויערן פאַרשפּיצט:
— צי איז זי געשלאָפן,
געבאַלעמט ביז איצט?
— — — — — — — —

דעם סאָף פון דער מייסע
וויל וויסן נאָך, ווער? —
ס'איז עטקע אין קלוב שוין
אַ שלאָגלער־פּיאָנער.

ווען איך וואָלט געווען

ווען איך וואָלט געווען אַ בעקער,
וואָלט איך טאָג און נאַכט געבאַקן
האָניק־זעמל, טאָרט און לעקאַך,
און געקייעט אָף ביידע באַקן;

ווען איך וואָלט געווען אַ גערטנער,
וואָלט איך אומעטום פאַרפלאַנצן
וויינפּערלאַך און אַגרעס־ביימלעך,
נים און ווײַנשל, און מאַראַנצן;

ווען איך וואָלט געווען אַ שוסטער,
וואָלט איך זיך גענייט קאַמאַשן
הויכע סקריפּקע, און ווי שטאָלצן
זאָלן הויך זיין די אָפּצאַסן;

ווען איך וואָלט געווען אַ שניידער,
וואָלט איך נייען אין בעגאָדים
קעשענעס אָף אַלע זייטן,
און מיט טשוועקלאַך אָנשטאָט פאָדים...

ווען איך וואָלט געווען אַ פורמאַן,
וואָלט איך דורך דער וועלט געפאָרן.
כ'וואָלט ניט וואוינען, ווי מיין טאַטע,
אין איין שטעטל אַלע יאָרן;

ווען איך וואָלט געווען אַ מוליער,
וואָלט איך זיך געבויט אַ טורעם
העט אַרויף צום רעגנבויגן,
און געשפּילט זיך מיטן שטורעם;

ווען איך וואָלט געווען אַ שרייבער,
וואָלט איך זיך אין וואלד פאַרקליבן
און אין פינפאונצוואַנציק ביכער
וואלד־געשיכטעס אָנגעשריבן, —

ניט קיין גערטנער, ניט קיין מוליער,
ניט קיין בעקער, ניט קיין שרייבער —
רופט די מאַמע מיך: שלימאזל,
און דער טאַטע — בערנטרייבער.

דער רוף פונם רויטן רייטער

עס שלאָפֿט ניט די מאַמע

דורך דער לאַנגער שטילער נאַכט,
לאַנגע, שווערע שאָען,
מיט אַן אויג ניט צוגעמאַכט
ביז אין שויב נעמט גרויען,

זיצט די מאַמע לעבן קינד
זינגט אים צו אַ לידל,
און אין קוימען שפּילט דער ווינט
אַף זיין שטורעמפידל;

אינ'ם לעמפּעלע דער קנויט
רויכערט זיך און פלעמלט.
און אין ווינקעלע די נויט
ליגט דערוויל און דרעמלט.

בייזער וואָיעט אַלץ דער ווינט,
סקריפּען טיר און טויער,
און די היימלאָזע, די הינט
האָוקען צו אין טרויער.

טיפע נאַכט שוין, שטום און שטיל,
ס'שלאָפט שוין אַלץ מיסטאָמע.
שלאָפן שלאָפט נאָר ניט די גריל
און די טרייע מאַמע.

מעקסיקאַנער קוואַרטאַל

שמאָלינקע געסלאך, פאַרכוזשעכט און ענג,
סטעזשקעס אַנשטאָט טראָטוארן.
בלאָטעס פאַרגליווערטע, מיילן די לענג,
פינצטער, אָן ליכט, אָן פאָנאַרן;

אָרימע שטיבעלאך, ביטערע נויט,
שויבן מיט ברעטלאך פאַרשלאָגן.
קינדערלאך בלאַס און פאַרהונגערט, אין קויט,
שפּילן זיך שטיל אױף די ראָגן;

אייגעלעך צעשראָקענע קוקן זיך אום,
שטאַרן מיט פינצטערע בליקן.
קינדערלעך קויטיקע — קישען ארום
אומפליים און פליגן און מיקן;

באָרוועסע פיסלעך, צושויבערטע קעפּ,
לייבער באַהאָנגען מיט שמאַטעס.
בלויזן זיך וואונדן פון אונטער די צעפּ,
וואונדן פון אונטער די לאַטעס;

פיצעלאך קינדער אױף מאַמעשע הענט
קלאָגן זיך, וויינען און שרייען.
נאָגן „טאָרטיעס" *) האַלב־רוי און צעברענט,
וויינען און נאָגן און קייען.

פענימער פאַרמעט, צעקנייטשטע און געל,
צעביסען פון פליי און פון וואַנצן.
קאָליקעס בעטלען באַם טיר אפן שוועל
פּרעפּלען און... זינגען ראָמאַנסן;

איין גרויסער קאַמער, צעלעכערט און קרום,
דאָס מעבל — אַ קופערט, אַ בעטל.
קוקט אױף דעם אַלעם געקרייציגט און שטום
יעזוס, פון וואַנט אױף אַ ברעטל.

---

*) „טאָרטיעס": קוקורוזע־פּלעצלאַך.

קלײנװעלט

מוטער און קינד

— אַ זאָג מיר פאַרװאָס, מאַמע, ז׳פּוסט אונדזער הױז
און לײדיק אָן שפּײַז די שופלאָדן?
— דערפאַר, קינד, װײַל שפּײַכלערס בא אונדז אין לאַנד,
מיט שפּײַז זײַנען איבערגעלאָדן.

— איז עמעס דאָס, מאַמע, װאָס איך האָב געהערט:
מען שלײַדערט אין יאַם אַרײַן שפּײַזן?
— עמעס, דאָס טוען די רײַכע אַזױ,
אַפּן מאַרק זאָלן שטײַגן די פּרײַזן.

— פאַרװאָס, מאַמע, שלעפּן זיך אַרבעטער אום,
צו זוכן אַ נאַכטשוץ געטריבן?
— זײ האָבן פאַר אַלעמען הײמען געבױעט,
און זײ ט׳מען פון הײמען פאַרטריבן.

— עס שטײען דאָך הײַזער פאַרלאָזטע און פּוסט!
טאָ װאו, מאַמע, ליגט דאָ דער זינען?
— אַף פראַגעס אַזױנע װי דײַנע, מײַן קינד,
דעם ענטפער איז לײַכט צו געפינען:

עס האָבן די רײַכע פאַרכאַפּט אַלץ פאַר זיך,
די אָרימע פאַרװיגט אין אַ דרימל
אַז ס׳װאַרט פאַר זײ רײַכטום און פרײד נאָכן טױט,
אַ גליקלעכער לעבן אין הימל.

— זאָג, מאַמע, צי זײַנען די פעלקער פון װעלט
אַף שטענדיק צו לײַדן דען גרײטע?
— מײַן קינד, ס׳איז אַ זעקסטל פון װעלט שױן באַפרײַט
און פינף זעקסטל ברעכן די קײטן.

— אַ מאַמע, דו הערסט װי עס טראָגט זיך פונװײַט
אַן אױסמיש פון פרײדיקע קלאַנגען?
— יאָ, קינד. דאָס מאַרשירן די מאַסן צום קאַמף
פאַר פרײַהײט, מיט פרײד און געזאַנגען.

— זע, מאַמע, װי ס׳פלאַטערן פענער מיט רױט,
און מענטשן מאַרשירן אין צװײען!
— דאָס גײען די מאַסן צום קאַמף און צום זיג,
מיר שליסן זיך אָן אין די רײען!

מיסטער גרין דער „באָס“

אָט־אָ פאָרט ער, מיסטער גרין,
ברייט צעשפּרייט אין לימוזין.
ס'איז זיין בויך אזוי ווי א פאַס,
מיינט ער: אים געהערט די גאַס.
פּוכקע הענט, אַ רויטער קאַרק,
גווידערס קריכן באַרג אף באַרג.
אַ צילינדער אפן פּליך,
און לאַקירטע שפּיגל־שיך,
און אַ דימענט אין קראַוואַט
שמייכלט ער בארוט און זאַט.
גלאַנצט די קליינע בולבע־נאָז
בא דעם מיסטער גרין, דעם „באָס“.

אַ נײַ וויג־ליד

שלאָף מײַן ליבער קליינער יאָטל,
שלאָף מײַן זונעניו,
אין סאָוועטן־לאַנד דײַן טאַטע
ליולינקע ליו־ליו.

ער האָט מיר אַלץ אויסגעשריבן
אין אַ לאַנגען בריוו:
ער האָט דאָרטן זיך פאַרקליבן
אין אַ קאָלעקטיוו.

דאָרט איז יאַנטעוו אינדערוואָכן
שרײַבט ער זונעניו,
פרײַ פון דײַגעס און פון יאָכן,
שלאָף זשע שלאָף ליו־ליו,

יעדער העלפט דאָרט בויען, זייען,
אַרבעט דאָ אַ סאַך,
רויטע העלדישע אַרמייען
שטייען אויף דער וואַך.

אידן זײַנען פּויערים דאָרטן,
וואו ט׳מען דאָס געהערט —
פלאַנצן זייער פעלד און גאָרטן,
לעבן אויף דער ערד.

אַלע טיילן זיך ווי גלײַכע
מיט׳ן ברויט און קלייד.
ניט קיין אָרימע, קיין רײַכע,
אַרבעט איז אַ פרייד.

ווערסט מײַן קינד נאָר עלטער ווערן,
שרײַבט ער זונעניו,
צו דײַן קלאַס זאָלסטו געהערן,
ליולינקע ליו־ליו —

ס׳מוז די שקלאַפן־אָרדנונג קראַכן,
זאָל דײַן שטאַרקע האַנט
אין אַמעריקע העלפן מאַכן
אַ סאָוועטן־לאַנד.

דער רוף פונם רויטן רייטער

רייט אַ רויטער רייטער
אַף אַ ווייסן פערד.
בליץ-שנעל גאַלאָפּירט ער
איבער גאָר דער ערד.

איבער ברעג און טאָלן
הילכט זיין פעסטער טראָט,
גוטע בשורעס ברענגט ער
יעדן דאָרף און שטאָט.

קלאַנג פון זיין טרומייטער
כאַפּן אַלע אויף:
„ארבעטער און פויער,
שטייט צום לעבן אויף!"

פעלקער אונטעריאָכטע
גלייכן רוקנס אויס,
לייכט פון יעדנס אויגן
העלע פרייד ארויס.

ארבעטער-קאָלאָנעס
שפּאַנען ריי נאָך ריי,
בלוטיק-רויטע פאָנעס
וויען איבער זיי.

מוטיק און אַנטשלאָסן,
גיט קיין טראָט צוריק,
שפּאַנען זיי צו פרייהייט,
גייען זיי צום זיג.

די באַלאַדע פון דעם גראַף מיט זיין שקלאַף

אין אַ גרויסן לאַנד, אַ ווייטן,
יאָרן פיל צוריק, פאַרצייטן,
אָפּגעזונדערט איינאַליין
אין אַ שלאָס פון מירמלשטיין,
האָט געלעבט אַ שטאָלצער גראַף,
האָט דער גראַף געהאט אַ שקלאַף.

פלעגט דער שקלאַף געטריי אים דינען:
וואַשן, ראַמען, זייען, שפּינען;
פּאַשען קי און שאָף און פערד;
אַקערן די האַרטע ערד,
האַרעווען פון פרי ביז שפּעט
און זיך לייגן מיד אין בעט.

פלעגן ציען זיך די וואָכן
יאַנטעוו גלייך ווי אינדערוואָכן.
שטייט די צייט ניט, און דער גראַף
קוקט אויס עלטער ווי זיין שקלאַף:
בלאָס דער פּאָנים, גרוי די האָר,
גלויבט דער גראַף ניט: — איז עס וואָר?

שליסט ער אויפעט אלע ריגלען
ביז צום קאַמער פון די שפּיגלען,
שפּיגלט זיך אַ לאַנגע צייט,
שפּיגלט זיך אָף יעדער זייט.
ווייזן שפּיגלען גרויע האָר —
יאָ, ס׳איז עמעס, יאָ, ס׳איז וואָר.

נאָר דער שקלאַף, כאָטש קאָפּ געבויגן,
שיינען לויטער זיינע אויגן.
זיינע גלידער פול מיט קראַפט,
קראַפט וואָס בויעט און וואָס שאַפט.
אַרבעט פון דערפרי ביז נאַכט,
זינגט אַ לידל צו, און... טראַכט.

און עס טרעפט אַמאָל: די יאָרן
פון זיין לעבן — אין זיקאָרן —
יאָרן פול מיט פיין און נויט,
הונגער נאָך אַ שטיקל ברויט;
יאָרן — כמאַרעס, שווער ווי בליי,
ציען לאַנגזאַם זיך פאַרביי.

און אין רעגעס אָט אַזוינע
ווערן פלעגט דער שקלאַף אַ סוינע
דעם וואָס אַרבעט קיינמאָל ניט,
דעם וואָס איז אַ פּאַראַזיט.
דעם וואָס ווערט דורך פרעמדער מי
רייך מיט הייזער, פעלדער, פי.

ווערן פלעגן דאַן געבוירן
הייסע סינע, הייסער צאָרן
אינם האַרצן בײַ דעם שקלאַף
צו זיין באַלעבאָס דעם גראַף.
און אַז ברוסט מיט צאָרן ברענט,
ווערט אין אויג עס גלייך דערקענט.

— — — — — — — — — — — — —

רייך, מיט ליכטיקייט באַגאָסן,
שטייט באַנאַכט דער שלאָס פאַרשלאָסן.
ליכטיקט ווייט און ליכטיקט העל,
נאָר דעם גראַף אין זיין פּאָטעל
נעמט קיין שלאָף ניט, נעמט קיין רו,
ס'מאַכט זיך אים קיין אויג ניט צו;

און אים דריקט אַ מאָרעשכוירע,
און ער ציטערט אַזש פאַר מוירע:
ס'ווייס פון כאָכמעס ניט קיין שקלאַף
ווי אַן עלעגאַנטער גראַף,
ווי אַ וואויל־דערצויגענער האַר —
איז דאָך טאַקע אַ געפאַר!

און מיט טרייסלענדיקע ציינער,
און מיט שװערקייט אין די ביינער,
און מיט פּיס, װי קלעצער שװער,
שפּאַנט דער גראָף אום הין און הער
אין זיין שלאָס מיט שװערן שפּאַן,
ביז עס פאַלט אים איין אַ פּלאַן.

כאָטש אַ רעגן האָט געגאָסן,
האָט ער, מיט זיין פּלאַן, אַנטשלאָסן,
ניט געצעגערט, ניט געטראַכט,
און מיט רידל, האַלבע נאַכט,
זיך געלאָזט אַ הינטערן שטוב
גראָבן פאַרן שקלאַף אַ גרוב.

ס׳הערט דער רעגן ניט אויף גיסן,
פינצטער... נאָר עס זאָל ניט װיסן
קיינער פון זיין סאָד, זיין פּלאַן,
טרעט ער קליינע דריבנע שפּאַן
אין דער פינצטערניש געדיכט,
אָן אַ לאָמפּ און אָן אַ ליכט.

און ער גראָבט אין ערד אין װייכן,
נאָר דער רעגן פון די הייכן
שמייסט אין פּאָנים װי מיט שטריק,
װערט די גרוב פאַרפולט צוריק.
— אז דער רעגן גיסט און גיסט,
איז די אַרבעט דאָך אומזיסט! —

נאָר דער גראָף, צעװייקט, פאַרבלאָטיקט,
און מיט פינגער װי פאַרדראָטיקט
גראָבט אַלץ טיפער, גראָבט און שעפּט,
שטעקט דעם רידל, גראָבט און שלעפּט, —
איידער ס׳טאָגט מיט העלן שיין
מוז די אַרבעט פאַרטיק זיין...

גראָבט דער גראַף אזוי די גרוב,
און זיין שקלאַף אין בוידימשטוב
אויסגעשלאָפן גוט און פיין,
כאַפּט זיך אויף אין מאָרגנשיין,
טוט זיך אָן און וואַשט זיך אָפּ
און ער איילט די טרעפּ אראָפּ.

נעמט זיין האַק, זיין לאָם און רידל,
זינגענדיק אַ פריילאַך לידל,
לאָזט זיך גלייך אין גאָרטן גיין.
גייט, און פּלוצלונג בלייבט ער שטיין:
זעט, אין גאָרטן לעבן שלאָס,
וואָס עס טוט זיין באַלעבאָס.

פרעגט ער אים: „וואָס ביסטו אויסן
מיט דער גרוב, אין קאַלטן דרויסן?"
ענטפערט יענער בייז און קאַלט:
„וועסט זיך שוין דערוויסן באַלד!"
און מיט ציין צונויפגעפּרעסט
טוט צום שקלאַף זיך אַ פארמעסט.

איז די האַנט פון שקלאַף דאָך גיכער —
טוט אַ לאָז זיך פעסט און זיכער,
און דער גראַף, אין נאַסן קויט,
טוט אַ וואַלגער זיך צום טויט.
לייגט דער שקלאַף אים באַלד אין גרוב
און ער לאָזט זיך גיין אין שטוב.

שליסט דאָרט אויפעט אלע טירן,
נעמט דאָס געלט, דאָס גאָלד, די צירונג,
קוקט אָף דעם און טראַכט מיט שטאָלץ:
„ס'האָט מיין האַנט געשאַפן אלץ!"
זאָגט ער אָפן קאָל: „מיין שלאָס,
כ'בין פון היינט אָן — באַלעבאָס!"

און מיט לאָם און האַק און רידל
אַרבעט ער, און זינגט זײַן לידל.
אָט אַ פּײַף און אָט אַ זינג,
גײט די אַרבעט גיך און גרינג...
װערט די אַרבעט פֿאַרטיק פֿרי —
אַרבעט פֿיל, מיט װײניק מי.

— — — — — — — — — — — — —

שטײט דער שלאָס אינמיטן גאָרטן
צװישן בלומען, טױזנט סאָרטן,
צװישן בײמער, גרין און גלײך.
און צעפֿינקלט העל און רײך
פֿונם באַרג אַראָפּ אין טאָל,
װי אַ ליכטיקער קרישטאָל.

הירש לעקערט

די זון אזוי לויטער, דער טאָג אזא לינדער,
איז וועל איך אַ מייסע דערציילן אייך, קינדער.
אַמאָל און אַמאָל איז געווען אַ מיילעך — — — —
עס הויבט זיך אָן טרויעריג און לאָזט זיך אויס פריילעך:
אַ מיילעך אַ בייזער, אַ מיילעך אַ שלעכטער,
פלעגט פאנגען פיל ארבעטער־זין און פיל טעכטער
פון לאנד, און זיי שיקן אין צאָפּן אין קאַלטן,
און פלעגט דאָרט אין פינצטערע טפּיסעס זיי האַלטן.
אין צאָפּן וואו ס'שפּרייטן זיך אייביקע שנייען
און ביטערע קעלטן און פרעסט און זאווייען.
אזוי האָט דער מיילעך געוועלטיקט פיל יאָרן
ביז ס'גאַנצענע לאנד איז אַ וויסטע געוואָרן.
ווייל פיינט האָט דער מיילעך געהאַט דאָס געלעכטער
פון ארבעטער־זין און פון ארבעטער־טעכטער.
און איז דאָס געלעכטער געוואָרן נאָך גרעסער —
האָט ער יענע מיילער פארשלאָסן מיט שלעסער.
און האָט זיך מיט צאָרן צעפלאַמט איינעמס אויגן —
האָט ער יענעמס האלדז מיט אַ פעטליע פארצויגן;
עס האָבן נאָר קלאַנגען פון קייטן געקלונגען
אף ארבעטער טעכטער, אף ארבעטער־יונגען.
עס פלעגן די שווערע, די אייזערנע קייטן
אין וועג זיי צום צאָפּן, צום קאַלטן, באַגלייטן.
און עלנט געבליבן איז מאַמע און טאַטע
אין שטאָטישן קעלער, אין דאָרפישער כאַטע.
דער מיילעך ט'פארביטערט מיט צאַר זייער לעבן,
און „צאַר" האָט דאָס פאָלק אים אַ נאָמען געגעבן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

עס זיינען פיל יאָרן פיל שלעכטע אַריבער,
ביז ס'האָט זיך דער צאָרן געשפּאַרט פון די שטיבער.

געשפּאַרט זיך פון הייזלעך, אַלץ העכער און העכער,
דורך טירן, דורך פענצטער, אַריבער די דעכער.
ביז פול איז געוואָרן די לופט מיט אַ צאָרן
וואָס האָט, ווי אַ כמאַרע, מיט שטורעם געוואָרנט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווי שווער ס׳איז צו צאַמען די כוואַליעס אין קייטן
אין זייער געיעג, ווען זיי נעמען זיך שפּרייטן;
ווי שווער ס׳איז צו צאַמען, אין שטורעם, אַ פייער
וואָס פלאַקערט אַף שטרויענעם דאַך פון אַ שייער, —
אַזוי איז אויך שווער איינצוצאַמען דעם צאָרן
וואָס האָט זיך אין הערצער געזאַמלט דורך יאָרן;
אַזוי איז אויך שווער צו פאַרצאַמען און שטילן
דאָס ברוזיקע שטראָמען פון אַרבעטער־ווילן, —
און ס׳האָבן דערטראָגן זיך קאַמף־אויסגעשרייען
פון איבערן צאַפן, דורך פּרעסט און זאַווייען,
פון איבער די סטעפּעס, פון איבער די פעלדער,
פון מאָכיקע בוכטעס אין אוראַלטע וועלדער...
און ס׳האָט זיך דערטראָגן פון קייטן אַ קלינגען
מיט קלאַנג פון צעבראָכענע אייזערנע רינגען.
און אַז ס׳האָט דער מיילעך דאָס קלינגען פאַרנומען,
האָט ער אויפגעצאָרנט מיט כאַיעשן ברומען;
האָט ער זיינע הויפּטלייט מיט ווילדע רעציכעס,
געשיקט אַפן לאַנד מיט גאַזלאָנישע שליכעס:
צו בינדן אין קייטן די אַלע וואָס שפּאַטן
פון צאַר, פונם מיילעך — מע זאָל זיי אויסראָטן.
מען זאָל אַלע לעסטערער בינדן און שמייסן,
מיט אייזערנע קאַמען די הויט אַף זיי רייסן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַ קינדער, איצט זיצנדיק דאָ אַף מיין גאַניק,
דערזע איך פאַר זיך די מעהומע, דעם פּאַניק

וואָס האָט זיך אַריבער די שטעטלעך געטראָגן
אַזוי ווי אַ צעווילדעטער פערד אין אַ וואָגן;
איך זע די צעשראָקענע בלאַסע געשטאַלטן
אויף בוידימס, אין קעלערס, אין גריבער באַהאַלטן.
איך זע זיי, זיי נעמען צו מיר זיך דערנענען, —
אַ קינדער, כאָטש איר זאָלט אַזוינס שוין ניט קענען.

— — — — — — — — — — — — — — — —

געשטאַלטן, זיי נעמען פאַרשווינדן, צערינען,
איז וועל איך אייך ווייטער די מייסעלע שפּינען:
פון צווישן פיל אַרבעטער-זין, איז געווען
אַ זון, כאָטש אַ פּראָסטער, האָט קוים געקענט לעזן.
אַ פּראָסטער, נאָר ס'האַרץ זיינס געווען איז אַ ברייטע,
געוואוסן שווער געפינען צו אים נאָך אַ צווייטן.
פאַר אַרבעטערס ליידן, פאַר אַרבעטערס טרערן,
האָט זיין האַרץ געליטן מיט ליידן מיט שווערע.
און גרייט איז געווען הירש לעקערט, צו געבן,
פאַר ליידנדע אַרבעטער-ברידער, זיין לעבן.
און ער האָט דערהערט די פאַרשטיקטע געשרייען
פון אייז-קאַלטן צאָפּן, דורך פרעסט און זאַווייען.
און פול איז געוואָרן זיין האַרץ, זיינע גלידער
מיט פּיין פון דערשלאָגענע אַרבעטער-ברידער.
און טיף האָט אַ קאָל אין זיין טיפער נעשאָמע
גערופן: גיי נעם פאַר זיי אַלע, נעקאָמע!
און ס'האָט ניט געצעגערט הירש לעקערט, דער בראַווער,
הירש לעקערט, צו אַלע געדריקטע אַ כאַווער.
צו אַלע פאַריאָכטע, צו אַלע פאַרשעמטע,
מיט נאַקנס געבויגן, און הערצער פאַרקלעמטע.
און ער האָט ניט רוען געקענט, און ניט שלאָפן,

ביז ער האָט צום סוינע געצילט און געטראָפן.
געטראָפן, — און ס'האָבן זשאַנדאַרמערשע שפּאָרן
געבריקעט אין אים מיט אַכזאָריעס און צאָרן.
נאָר ס'ווייסט ניט הירש לעקערט און האָט קיין כאַראָטע.

ער בראָדזשעט מיט שטאָלץ, צווישן פערד, דורך דער בלאָטע.
מיט שטאָלץ און מיט מוט און די קני ניט געבויגן,
דורך נאַכטיקן כווישעך, מיט ליכטיקע אויגן — — —
און אַז ער איז שוין צו דער טפיסע געקומען,
האָט מען אים די אויגן פאַרבינדן גענומען.
און ס׳האָט נאָר הירש לעקערט מיט גלייך שטאָלצע גלידער
געזאָגט: כ׳האָב געלעבט און איך שטאַרב פאַר די ברידער.
און האָט מיט געלעכטער געשפּאָט צו דעם סוינע:
עס וועלן נאָך קומען הירש לעקערטס אַזוינע!
מען האָט אים געהאַנגען אין הויף און פאַרשאָטן,
מיט פערדישע קלאָען זיין קייווער צעטראָטן.
ווייל ס׳האָט ווי אַ שאַנד, ווי אַ וואונד, בא די סאָנים
הירש לעקערטס געלעכטער, געברענט אפן פּאָנים.

— — — — — — — — — — — — — — — —

עס זיינען זינט דעמאָלט אַריבער פיל יאָרן,
און ס׳איז יענע לאַנד שוין אַ פרייע געוואָרן.
פאַרשוואונדן די הערשאַפט, פאַרשוואונדן דער מיילעך,
און יעדער איז פריי דאָרט, און יעדער איז פריילעך.
און איצטער, אין לאַנד, אין דעם לאַנד דעם באַפרייטן
דערציילט מען: געווען איז אַ מיילעך פאַרצייטן...

על̇א מיי ווינגנס

א שטעטל פאַראַן אין נאָרט קאַראָליינא,
אַ שטעטל אַ קליינע, אַ שיינע, אַ פיינע,
מיט בערגלאך און ביימלאך, און בלומען אפילע...
און על̇א מיי ווינגנס, א בלום אויך אַ שטילע.
אַ מאַמע מיט קינדערלעך פינף אין איר שטיבל,
אַ שטיבל — ניט גרעסער פון אַט אַזא גריבל.
און האָרעווען פלעגט זי פון פריען באַגינען
פאר אירע פינף קינדער אף ברויט צו פאַרדינען.
און האָרעווען פלעגט זי באם וועבשטול, און וועבן,
און פלעגט זיך פאַרדינען, קוים קוים אף צום לעבן;
און וועבנדיק, שפינענדיק, פלעגן זיך שפינען
געדאנקען און לידער, בא איר אינם זינען.
געדאנקען פון ביטערער נויט אין איר שטיבל,
איר שטיבל — ניט גרעסער פון אַט אזא גריבל.
און לידער פון אייגענער נויט, און פון פרעמדער,
פון די וועלכע וועבן געוואַנטן אף העמדער.
געוואנטן אף בעטציג און טייערע בגאָדים,
פון זייד און פון וואָל, און פון פלאַקסענעם פאָדים.
וואָס וועבן פון פריען באַגינען ביז אָוונט,
און ווערן דורך נויט און דורך פראַצע זיך נאָענט.
נאָענט ווי אייגענע שוועסטער און ברידער,
נאָענט ווי ווערטער וואָס וועבן אוים לידער;
נו, זיינען די לידער געוואָרן אויך נאָענט
צו וועבער וואָס האָרעווען שווער ביז אין אָוונט.
ווייל יעדער פלעגט פילן און יעדער פלעגט הערן
אין קלאַנג פון די לידער — זיין גורל, זיין שווערן.
און זינגענדיק פלעגן זיך שטאָלן געמיטער
אזוי ווי דער סערפּ אין דער האנט פונם שניטער.
און לידער פון נויט, ווי דער שאַרפסטער קלייזייען
פלעגט קלינגען מיט מוט און מיט פרייד פון באַפרייאונג.
און וואונדער... עס פלעגן געבויגענע שקלאַפן
וואָס ליידן און וועבן. וואָס ליידן און שאַפן —
מיט איינמאָל, ווי העלדישע שטאָלצע רעבעלען

געקרעפּטיקט, געאייניקט, אין רייען זיך שטעלן,
און זאָגן: „מיר וועלן פאר אייך מע׳ י ניט וועבן
און שטאַרבן פון הונגער, — מיר ווילן אויך לעבן!״
דאַן פלעגן פאַרציטערטע בלייבן די גראַפן,
די וועבער־באַראָנען, פאר זייערע שקלאַפן.
ווייל שטיל פלעגן בלייבן די רעדער וואָס וועבן
פאר זיי אַ גאַניידן פון גליקלעכן לעבן.
ווייל שטיל פלעגן בלייבן די שווארצע פאַבריקן
וואָס פלעגן פון שקלאַפן אַ גאָלדשטראָם אויסדריקן.
און עלא מיי וויגינס, די מאַמע, פלעגט קוועלן
ווי ס׳ווערן דערשלאָגענע שקלאַפן — רעבעלן.
און דאָס האָט די באָסעס, די רייכע, פאַרדראָסן
און זיי האָבן עלא מיי וויגינס דערשאָסן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

דערשאָסן אינמיטן דער גאַס, אױף אַ וואָגן.
און ס׳האָבן די וועבער געבראַכט זי צוטראָגן
מיט קעפּ אָנגעבויגן, צום שוועל פון איר שטיבל,
איר שטיבל — ניט גרעסער פון אָט אַזאַ גריבל.
און פינף קליינע קינדערלאַך, עלנט געבליבן,
ווי הארבסטיקע בלעטלעך פון שטורעם געטריבן,
זיי האָבן געיאָמערט און האָבן געשריגן
ביז ס׳האָט זיי פארשלעפערט דער שלאָף אין די וויגן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער טאָג איז אַ כמאַרנער געווען, און אַ נאַסער,
נאָר בלוט קען ניט שווייגן, ווייל בלוט איז ניט וואַסער.
און ווער קען דען שווייגן? עס האָט דאָך פאַרדראָסן
פאר אומשולדיק בלוט וואָס מ׳האָט דאָרט פאַרגאָסן.
און ס׳האָבן דאַן פויסטן גענומען זיך ביילן,
און שאַרף האָבן ווערטער געשאָסן ווי פיילן,
דורך ליפּן פאַרפּרעסטע, דורך ציינער פאַרקריצטע,
דורך אויגן וואָס ברענען מיט פלאַמען צעבליצטע.
און ס׳האָבן די וועבער געשוואָרן, מיט טרייהייט
צו קעמפן, ווי עלא מיי וויגינס, פאר פרייהייט.

ב. בערקאָוויטש

סקאַטסבאָראָ

אונ דאָס איז די מייסע מיט די סקאַטסבאָראָ-אינגלאַך, די נײַן:
אין „שענטי'ס" צעלעכערטע, וואו ס'בײַטשן די רעגנס אריין;
אין כורוועס, וואו ס'יאָגן זיך ווינטן דורך שפּאַרעס פון ווענט,
וואָס זײַנען, פון דאַרעמשע היצן, צעטריקנט, צעברענט, —
דאָרט וואוינען די נעגערשע „שער-קראַפּערס", ווי ס'איז באַקאַנט,
וואָס אַקערן, זייען און שנײַדן, די שעפע פון לאַנד;
וואָס זאַמלען דעם צוקער, דעם טאַבאַק, דעם באַוול, אין זעק,
צו שיקן עס נאָכדעם אין שטעט און אין לענדער, אַוועק.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ניט זיי טוט געהערן דער טאַבאַק, דער צוקער, ניט זיי.
ניט זייערס דער באַוול, ווי ערשט-אַ געפאַלענער שניי, —
פאַר מאָגערן מאָלצײַט, פאַר קאָרן א ביסל און פעטס,
מוז האָרעווען נעגערשער „קראַפּער", אין טריקעניש און נעץ;
עס איז יעדער „קראַפּער" אַ קנעכט ביים פלאַנטאַטאָר, ביים באָס.
ביים באָס מיט די אויגן ווי שפּיזלען און מויל ווי אַ שלאָס;
ס'איז זים פארן באָס עקספּלוטאַטאָר די נעגערשע מי,
ווי זים ס'איז דאָס מילך פון די פעטע, געפּאַשעטע קי.
איז נאָכדעם ווי „קראַפּער" ט'געהאָרעוועט אַ יאָר נאָכאַנאַנד,
בלײַבן אים ליידיק די הענט, אָן געצאָלט און אָן לאַנד.
און אז עס צערעכנט מיט אים זיך, סאָף-זמן, דער באָס —
קומט נאָך, פון נעגערשן „קראַפּער", אַ כויוו אים אַרויס
ווערט נעגער געפּענטעט, געבונדן, אין כויוועס ווי שטריק,
און טאָר פון פלאַנטאַציע ניט קיינמאָל אַוועקגיין צוריק.
און וואגט ער, דער נעגער, אַוועקגיין, — איז נעמט ניט קיין שאַ
און ער ווערט געיאָגט ווי אַ כאַיע פון לינטשער און „לאָ".
און ווערט ער געכאַפּט — ווערט זײַן קערפּער צעלעכערט מיט בליי
און ס'פּראַווען פלאַנטאַטאָרשע לינטשערס, אַ סימכע דערביי:
מען ציט אים ארויף אף אַ בוים, אין אַן אײַנציקער העמד
און ער ווערט אין העלישן פלאַקער אף קוילן פארברענט.

דאָן נעמט יעדער איינער, צום אָנדענק, אַ קויל מיט זיך מיט,
אַ קויל פון אַ נעגערשן קערפּער, פאַרלאָשן, פאַרגליט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס זיינען ניט נעגער פאַרשקלאַפּט ווייל ס'איז שוואַרץ זייער הויט, —
פאַרשקלאַפּט זיינען אַלע וואָס אַרבעטן ערלאַך אַף ברויט.
און וואו נאָר אַ שטאַט, צי אַ לאַנד, וואָס מיט אָרים און רייך,
איז נויט דאָרט פאַראַן, און אַ מענטש צו אַ מענטש איז ניט גלייך;
ס'האָט באַם פּאַראַזיט אונטעריאָכט יעדן איינעם וואָס שאַפט,
נאָר טאָפּלט פאַריאָכט האָט ער נעגער, און טאָפּלט פאַרשקלאַפּט.
צעטיילט האָט ער אַרבעטער־ברידער, אַף ווייס און אַף שוואַרץ,
ווייל שרעק פאַר רעוואָלט פון די שקלאַפן, נאַגט רויבערשע האַרץ.
ס'טאָר נעגער ניט וויסן אַז דער מיט אַן אַנדערער הויט,
קען זיין אים אַ כאַווער, אַ ברודער אין קאַמף קעגן נויט.
ווייל ס'ווייסט פּאַראַזיט אַז ווען אַרבעטער־קלאַס נאָר דערוואַכט —
ניטאָ איז קיין גרעסערער קויעך, קיין שטאַרקערע מאַכט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איז אָט באַ די „שערקאַפּערס" זיינען אויך קינדער פאַראַן
וואָס גייען צוגלייך מיט די טאַטעס און מאַמעס אין שפּאַן.
וואָס קלייבן און פרעסן דעם באַוועל, אין ריזיקע פּעק,
צו שיקן עם נאָכדעם אין שטעט און אין לענדער אַוועק.
ווייל גרויס איז און פיל איז די שעפע, און קורץ איז די צייט.
און ס'טוען דאָך ווי זידלערייען, ווען באַס זיך צעשרייט.
ווייל ס'פאַלן ווי אייזערנע האַמערס, דעם טאַטן אין קאָפּ
פּלאַנטאַטאָרס געשרייען: „העי ניגער, קאַמאַן, האַריאַפּ"!
נאָר קוים זיינען פול שוין די שייערס, און פעלדער שוין לער,
פאַרקנייטשט דאַן דער טאַטע דעם שטערן, טוט מאַמע אַ קלער:
„אַז ליידיקע פּוסטעוון אַלמערס, אָן מילך און אָן ברויט,
אַז מוירעדיק שווער איז דער הונגער, און גרויס איז די נויט —
וואָלט עפּשער פאַר אונדזערע קינדער געווען אַ פּלאַן
זיך לאָזן אַף וועגן און זען צי ס'איז אַרבעט פאַראַן".
און אָט אַזוי לאָזן זיך קינדער אַוועק אין דער וועלט
ווי פייגל סאָף זומער, פון לענדער וואו ס'קומט אָן די קעלט.

נאָר פייגל געפינען פארגרייט אומעטום זייער שפייז.
דאָך שפייז איז ניט גרייט פאר קיין קינדער, סיי שוואַרץ, סיי ווייס.
און פריי זיינען פייגל צו פליען פון שטעטל צו שטאָט,
נאָר ס'האָבן ניט קינדער קיין פליגל, און מיד ווערט דער טראָט.
נו וואָס בלייבט פאר וואנדערער־קינדער דען איבער צו טאָן —
איז שפרינגט מען ביגנייווע ארויף אף א פראַכטבאַן־וואַגאָן.
מען קאָרטשעט זיך איין אין א ווינקל פאר הונגער און קעלט
און ס'בריאַזגעט אין מויאך די באַן, דורכן ווינטיקן פעלד.
מיט ליידיקן מאָגן, און טרוימען אין מויאך א סאך,
פארוואָגלטע היימלאָזע קינדער דורך פרעמד־קאלטער נאַכט.
און דאָ הויבט די מייסע מיט „סקאַטשבאָראָ אינגלאך" זיך אָן:
ניין נעגערשע אינגלאך אין וועג, אף א פראַכטבאַן־וואַגאָן.
פארלאָזט צוליב הונגער די היימען, געלאָזט זיך אין וועג,
אַנטקעגן פארוואָגלטע נעכט און אומזיכערע טעג.
ס'איז איינער דעם צווייטן א פרעמדער, דאָך נאָענט אין נויט,
עס האָט זיי איין כּאָלעם פאראייניקט: דער כּאָלעם פון ברויט.
זיי ליגן געקאָרטשעט אינדרייען, געטוליעט ווי שאָף,
עס קעלטערט דער נאַכטיקער ווינט, און זיי נעמט ניט קיין שלאָף.
עס בריאַזגעט די באן און עס ציט זיך: א טאָג יעדע שאָ,
און יעדער האָט מוירע פאר „ווייסע", פאר לינטשער און „לאָ".
עס איז ניט אומזיסט זייער מוירע, די שרעק ניט אומזיסט,
ווי יעדער פאָרויס, וואָלט אין הארצן זיין גוירל געוואוסט.
און אָט... איבער בערגיקע ווייטן, אין ראָזעווען גרוי
נעמט טאָגן. און ס'פינקלען די פעלדער אין זילבערנעם טוי;
דער לאָרך הויבט מיט פלייטענע טענער אָן, פרואוון זיין ליד,
נאָר ס'הערן ניט נעגערשע אינגלאך, פארשלאָפן און מיד, —
עס צערטלט זיי שלעפעריקע מידקייט, מיט מאַמעשער האַנט,
און ס'זינגען די רעדער א ליד פון א ווייט־ווייטן לאנד.
א ליד פון געזעטיקטער רו אין א פוכאָווער בעט
וואו זיס איז דער שלאָף פאר די גלידער, אין פוילקייט ביז שפעט.
וואו מאַמעס פארגרייטן אף פרישטיק שוין, לאַטקעס מיט שמאַנט,
און אָט: עמיץ וועקט... נאָר עס איז ניט די מאַמעשע האַנט —
די אויגן פארקלעפּט נאָך מיט שלאָף, און די גלידער נאָך מיד,
נאָר כּאָלעם איז אויס, און פארשטילט איז פון רעדער דאָס ליד.
נאָר פעסט איז דער קלעם פונעם שעריף, פון הארצלאָזן „באָס";
עס פינטלען צעשראָקענע אויגן מיט שטומען „פארוואָס?"

עס גלאַנצן די מיילער פון ביקסן, מיט בלייערנעם שרויט,
און לינטש־מאָב שוין פאָדערט פאר נעגערשע אינגלאך, דעם טויט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ערשט הינטער פארגראַטעטע שויבן און שטיינערנע ווענט,
ערשט דאָרט האָבן סקאָטסבאָראָ אינגלאך, די לאגע דערקענט:
געוואָרן איז קלאָר אז דורך לעצטער פאַרוואָגלטער נאַכט
פון שלאָפלאָזן וואנדער, האָט „עמיץ" א בילבעל געמאַכט.
דערקלערט זיי פאר אויסוואוהפן ווילדע, א נעץ אויסגעשפּרייט.
און ס'רייבט זיך די הענט שוין דער ריכטער און „איידעס" איז גרייט.
עס איז מיט צעיושעטע באַנדעס דער מארק־פלאַץ שוין פול,
מען גרייט פאר א „דזשאַב" א הורטאָוונעס, דעם עלעקטרישן שטול.
ס'איז שיקער דאָס שטעטל, עס הוליעט, עס גייט כאַדאַראַם,
מען לייזט היינט א דאָלער אן עקסטרען אין שיינק און אין קראָם.
עס בולבלט אין העלדזער מיט בראָנפן, מען טופּעט, מען שרייט:
„דער וויל בי א האט טיי־איים אין די אָלד טאָון טוניי"!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער לינטש־ריכטער, קלוימערשט מיט ערנסט, גערעדט האָט אזוי:
„מיר מוזן באַשיצן די ערע פון מוטער און פרוי;
שווארץ הויטיקער טאָר מיט א יענקי ניט ווערן קיין פּאָר,
מיר מוזן איצט האַנדלען אז „ניגער" זאָל וויסן זיין אָרט!"
און ס'הערן אין טויט־שרעק, ניין אינגלאך מיט טונקעלער הויט,
דעם אורטייל: „אין עלעקטרישן שטול, צו פארברענען אַף טויט".

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס האָבן זיך אייזערנע טירן פארריגלט, פארשפּאַרט,
און ס'האָבן זעקס מאַמעס אומזיסט אַף יעדיעס געוואַרט.
ביז איינמאָל ט'א שביינע די נייעס אין צייטונג דערזען,
די נעמען פון שביינישע נעגערשע אינגלאך הערזען.
און ס'האָבן זעקס מאַמעס אין טרויער פארבראָכן די הענט,
ביז ס'האָבן געהאָלפן זיי ווינען, די כורוועשע ווענט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אומזיסט וואַלט געוויין זייער וויינען, אומזיסט זייער טרער:
ווער וועט אין דער „סאוט" פאַר אַ נעגער זיך איינשטעלן, ווער?
אז ווייסער פלאַנטאַטאָר האָט יאָרן געמויערט אַ וואַנט
פון סינע צו נעגער. און שטענדיק האַלט גרייט ער אין האַנט
אַ שרויט-ביקס, אַ לינטש-שטריק אַ גרייטע, פאַר נעגערישן האַלדז,
אַ שטריק צו פאַרוואַרפן אַף סלופּעס, אַף ביימער אין וואַלד...
נאָר ארבעטער קלאַס שוין פאַרשטייט וואָס די סינע באַטייט.
און אַרבעטער-קלאַס שוין פאַרשטייט אז ס׳איז נאָענט די צייט
ווען אַרבעטער, ווייסע און שוואַרצע, אַ האַנט אין אַ האַנט,
זיי וועלן פאַרטרייבן די באַסישע לינטשערס פון לאַנד.
און פריי וועט דאַן ווערן, פאַר יעדן וואָס אַרבעט, די וועלט.
און קראַכן וועט וואַנט וואָס האָט ברודער פון ברודער פאַרשטעלט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס שמידט זיך די אַרבעטער-איינקייט, אַרבעטער-מאַכט
אין הײמען, פאַבריקן, אין שעפער, אין פעלד און אין שאַכט.
אַף גאַסן אין פעסטע קאַלאָנעס, אין קאַמפן פאַר ברויט,
פאַרמישן זיך אַרבעטער ברידער, קאָלירן פון הויט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס׳האָט אַרבעטער-קלאַס זיך אַ שוץ אויפגעבויט דורך זיין מי,
צו שיצן אין קאַמף זיך. דער שוץ רופט זיך אָן: „איי על די"
און וואו נאָר עס קעמפן פאַרשקלאַפטע פאַר פרייהייט און ברויט,
און וואו נאָר עס לויערט אַף אַרבעטער-קעמפער דער טויט, —
איז איי על די גרייט צו באַשיצן, און שטאַרקן מיט מוט
די קעמפערשע הענט. ניט דערלאָזן אז אַרבעטער-בלוט
פאַרגאָסן זאָל ווערן. איז האָט איי על די, פון דער סאוט
דערהערט ווי דאָס קאָל, דאָס פאַרשטיקטע פון סקאָטסבאָראָ, שרייט.
און גלייך האָט צעקלונגען אַ רוף איי על די איבער לאַנד:
„זאָל אָפּטשעלן אַרבעטער מאַסע די מערדערשע האַנט"!
און איבער די גאַסן און סקווערן פון שטעטלאַך און שטעט,
עס האָבן זיך פויסטן געביילט, ס׳האָבן מיילער גערעדט.
און אַרבעטער-רוף האָט, דורך דראָטן פון טעלעגראַף, באַלד
צום לינטשערשן סקאָטסבאָראָ-ריכטער דערטראָגן זיך: „האַלט"!

פאר אומשולדיק ארבעטער־בלוט, װעסט פאראַנטװאָרטלעך זײַן!
„א טויט צו די לינטשער! זאָלן לעבן די סקאָטסבאָראָ נײַן”!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שטייט לינטשער אין ריכטערשן מאַנטל, פארציטערט און בלאַס.
אים דאכט זיך: עס שטרעקן זיך הענט, דורך דער שויב, פון דער גאַס.
ער זעט אף די סקווערן פון שטעט אן אומענדלאכן שטראָם
פון ארבעטער, ווייסע און שוואַרצע, — א ברויזיקן יאַם;
דער שטראָם שפרייט זיך אויס און אָט איז דער געריכט־זאַל שוין פול,
די אַרבעטער־מאַסע פארפלייצט אים, — זײַן ריכטערשן שטול;
עס שמעטערן שוואונגיקע האַמערס די טורמעשע ווענט,
און פריי ווערן נעגערשע אינגלאך פון לינטשערשע הענט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער ריכטער, ער שטייט און ער בייסט זיך די ליפּן ביז בלוט.
פארברענען באַלד נעגערשע אינגלאך — עס פעלט אים שוין מוט:
עס יאָגן די שרעקיגע בילדער בא אים דורכן קאָפּ,
און ס'כאַסמעט זיין מוטלאָזע פעדער: „מיר לייגן עס אָפּ”...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שוין דריי יאָר אזוי האָט די ארבעטער־מאַכט פונם לאַנד
פארהאַלטן, פון טויטן די אינגלאך, די לינטשערשע האַנט.
עס שטילט ניט דער ארבעטער־צאָרן פון איבער דער וועלט
און יאָגט־אָן אין באַסישע הערצער, א שרעקיגע קעלט.
עס טראָגט זיך א מעכטיקער לאָזונג שטאָט־אויס און שטאָט־איין
„א טויט צו די לינטשערס! זאָלן לעבן די סקאָטסבאָראָ־נײַן!”

לעגינס קינדער

לעגינס קינדער זיינען אַף דער גאַרער ערד צעשאָטן,
אומעטום וואו קינדער וויינען: ברויט.
אומעטום וואו טרויעריקע טאַטע־מאַמע זיפצן
מיט גרויע פּנימער, פול זאָרג און נויט.

לעגינס קינדער ברענגען האָפנונג־פרייד און יאָנטעף
אינדערמיטן פון א גרויער וואָך.
דאָרטן וואו עס בויגן רוקנס זיך פון שווערער פּראַצע;
וואו עס לעשן אויגן זיך אין יאָך.

לעגינס קינדער זיינען מוטיק און העלדיש־בראַווע
און זיי שטעלן אלצדינג איין אין קאָן.
גייען דרייסט אין קאַמף קעגן סוינע, דורך געפאַרן,
און זיי הויבן העכער לעגינס פאָן.

לעגינס קינדער זאָגן: אלץ געהערן זאָל צו יענעם
וואָס באַשאַפט אַ ברויט, אַ הויז, אַ קלייד.
הונגער, שאַנד, צו די וואָס רויבן פרעמדע פּראַצע, —
ארבעט — אונזער קאָוועד, ארבעט — אונזער פרייד.

לעגינס קינדער זאָגן: גרויס און מעכטיק איז דער סוינע,
אָבער גרעסער פיל איז אונזער מאַכט:
אונזער שטאַרקער אָרעם, אונזער פיל מיליאָנענדיקער ווילן —
און דעם סוינע'ס שווארצע פעסטונג קראַכט.

אַרבעטער־קינדער־מאַרש

מיר זיינען בראַווע קינדער
סיי אין שול און גאַס,
מיר זיינען בראַווע קינדער
פון דעם אַרבעטער־קלאַס, —
מיר ווילן לערנען גוט און פיין
ווי יאָטן העלדיש צו זיין,
יאָטן וואָס זיינען שטענדיק גרייט.

פאַראויס מיר אַרבעטס־קינדער אומעטום,
אין רייען פעסט,
מיט שטאָלצע קעפּ און פעסטן מוט
אַנטקעגן הונגער, נויט און קעלט,
העלפן מיר באַפרייען די וועלט.

עס האָרעווען אונדזערע טאַטע מאַמע
טאָג און נאַכט,
זיי באַקן ברויט; זיי גראָבן קוילן
פון דער שאַכט.
נאָר מיר, אָן קוילן און אָן ברויט,
מיר ליידן קעלט און הונגער־נויט,
איז זאָגן מיר קינדער אַט אַזוי:

פאַרויס מיר ארבעטס־קינדער א. א. וו.

עס ליידן קינדער נויט אין יעדן בורזשוי־לאַנד,
איז שטרעקן מיר צו זיי פונוויימן אונדזער האַנט.
אונדז איז קיין כילעק פאָלק און שפּראַך,
צי וויים, צי שוואַרץ, מיר זיינען גלייך.
געאייניקט מאַרשירן מיר אין מאַרש.

פארויס מיר ארבעטס־קינדער א. א. וו.

אינהאַלט:

זײט

פּאַרװאָרט — 3
אַרױספאָר — 5

העכער פון דעכער

אַ קעסטעלע מיט פאַרבן — 9
װערטער-שפּיל — 10
דער מאַנדל-מאַן — 12
קײן שלאָפלאַנד — 14
װאָל-װאָל דער נאַכט-מאַכער — 15
דער שלאָף — 17
„באַגין" דער טאָג-מאַכער — 19
װאָלקנדלעך — 21
קאָמאַנדיר שטורעם מיט זײַנע װינטן — 23
פלי-לאַנד — 25
יאָסל פלוט מיטן פינגערהוט — 27
די שמײס-מאַשין — 28
אַ װינט מיט װינטעלאַך — 30
דאָס צוגעקילטע װינטל — 31
שנײ-לעגענדע — 32

אונטער דער זון

װינטער-נאַכט — 35
פרילינג-רעגן — 36
פרילינג-שפּילער — 37
פרילינג-פײגל — 38
אידיליעס צװישן ליליעס — 39
אַ זומערדיקער אינדערפרי — 40
דאָרף-בילדער — 42

זייט

שטורעם און שטילקייט — 44
אַ מייסע פון אַ גאַנץ יאָר — 45

באַפּעלטע און באַפּעדערטע

קיעלע, קיעלע — 49
פּייגעלע, פּייגעלע — 50
באַוועראַפּט — 51
קוקעריקו — 52
אַ מייסע מיט אַ פליג — 53
שוואַנען — 55
כ'הינדל־געזינדל — 56
הענער, הענער — 58
דאָס בריוול בײַ דעם מייזל און הייזל — 59
די רויטע הון און דער ראָבער האָן — 61
קוואַקוואַ די קאַטשקע און טערטל דער פּראָש — 62
די בערן וואָס קלערן — 63

קליינוועלט

ליאַלקעס געבורטסטאָג — 67
וויטעלע און גיטעלע — 69
ריוועלע שרייבט אַ בריוועלע — 71
כאַווע די פּאַווע — 73
צום לאַנד פון שפּיל — 74
די יאַטן־אַרמיי — 76
צייט פון שפּיל — 77
בערל בריען — 78
דאָס פּייפעלע — 79
די קראָם — 80
קוליענדיק זיך — 81
באַלמעלאָכעס — 82
עטקע — 84
ווען איך וואָלט געווען — 87

דער רוף פונם רויטן רייטער

זייט

עס שלאָפט ניט די מאַמע — — — — — — — — 91
מעקסיקאַנער קוואַרטאַל — — — — — — — — 92
מוטער און קינד — — — — — — — — — — 93
מיסטער גרין, דער „באָס” — — — — — — — 94
אַ נייַ וויג־ליד — — — — — — — — — — — 95
דער רוף פונם רויטן רייטער — — — — — — 96
די באַלאַדע פון דעם גראַף מיט זיין שקלאַף — — — 97
הירש לעקערט — — — — — — — — — — — 102
עלאַ מיי וויגינס — — — — — — — — — — 106
סקאַטסבאָראָ — — — — — — — — — — — 108
לענינס קינדער — — — — — — — — — — 114
אַרבעטער־קינדער־מאַרש — — — — — — — — 115